STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03211

FRILING OYFN TRAKT

Elhanan Vogler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלחנן וואָגלער

פריילינג אויפן טראַקט

לידער און פאָעמען

ארויסגעגעבן דורכן פארבאנד פון די ווילנער
אין פראנקרייך

תשי"ד • פאריז • 1954

דאס בוך איז דערשינען ביי דער מיטהילף
פון יצחק פינק, ד״ר משה לאזארעוו
ווי אויך פון מנחם בארקער און זין
לזכרון פון זייער פרוי און מוטער
רחל בארקער

הילע געצייכנט - מ. באהעלפער
פארטרעט - בען

געדרוקט ביי יוסף שעכטער אין פאריז
זעצער מ. הערשבוים, דרוקער ב. מילנער
פופציק עקזעמפלארן אויף הערליא-פאפיר
זיינען געווארן נומערירט פון 1 ביז 50
און הונדערט פופציק אויף אפסעט -
פון 51 ביז 200

ALKHONON WOGLER : FRILING OIFN TRAKT
"PRINTEMPS SUR LA ROUTE"
IMPRIMERIE ABÉCÉ, 11, RUE LOUIS-BLANC, PARIS X•
COPYRIGHT BY ASSOCIATION DES VILNOIS EN FRANCE


Benn

מיטן דאַזיקן בוך
הייליקט דער מחבר
דעם אָנדענק
פון זיין ברודער הירש
זיין שוועגערין מלכה
און זיין פלימעניק מאיר
ז״ל

צווישן דעם מחברס „צוויי בעריאָזעס ביים טראַקט״
און „פרילינג אויפן טראַקט״ ליגט אין אָפגרונט
פון טרערן אַ פאַרזונקענע חרוב-געוואָרענע וועלט. אין די
חורבות פון שטעט און לענדער וואַלגערט זיך אין שטויב זיין
היים, די גרויע פיר ווענט מיטן פענצטער צו דער רוישיקער
יידישער גאַס און די פאַרהוילענע וועלט פון זיין פאַרלוירן-
געגאַנגענעם שרייבטיש.

אין אַ העלן פרימאָרגן פון חודש אייר שנת תרש״א האָט
דעם מחברס שרייבטיש זיך אַ טרייסל געטאָן און די ליט-
ווישע לאַנדשאַפט, וואָס ער האָט מיט טרערן, ביים שיין
פון אַ חלבנער ליכט אויף אַ בוידעמשטיבל געמאָלט, איז
פאַרוועלקט געוואָרן אין שאָטן פון זיין פאַרבראַכענעם
שטאָם ביי די ליימיקע ברעגעס פון דער ווילִיע.

אין יענעם פרימאָרגן פון חודש אייר שנת תרש״א האָט
דער מחבר פאַרלאָזט זיין געבורטסאָרט. און אויב דאָס
פייער פון קריג האָט הינטער די הרי-חושך פון די קאַזאַכ-
סטאַנער סטעפּעס נישט דערגרייכט, טוט אים, דעם פאַר-
בליבענעם אויף הפקר, אויף דער גרויסער פרעמדער וועלט,
אַצינד דאָס לעבן וויי, אפשר נישט ווינציקער ווי זיינע
ברידער אויף דער ליטווישער און פוילישער ערד האָט
בשעתו וויי-געטאָן דער טויט.

זינט יענעם טרויעריקן פרימאָרגן, ווען דעם בעל-דברס אייזערנער קאַרק האָט פאַרשטעלט די שיינקייט פון אַ זונ-אויפגאַנג אויף דער ערד און מיט פונקען אַש פון פאַר-ברענטע מענטשלעכע לעבנס — פאַרשוועכט די שיין פון די שטערן אין הימל — פאַרמאָגט דער מחבר נישט קיין רוים פאַר זיין אויסגעחלומטער וועלט און קיין פאָרם פאַר זיין צער, ווייל זיין צער איז מן-הסתם גרעסער פאַר דער ערד גופא.

אין די פראָפילן פון די „צוויי בעריאָזעס ביים טראַקט" האָט דער מחבר געצייכנט די לייבלעכע שוועסטער פון זיין אויפגעבליטן דור. זיי האָבן אַנומלט איבער זיין וויג מיט ליכט געוויינט, אים באַפליגלט צו די שטערן און אים פאַר-ביטן אַ גאָט פאַר זיין תפילה. דער מקדש פון תפילה איז פאַרוויסט געוואָרן און אויפן פאָן פון אונדזער חרוב יידיש לעבן שטאַרט דער מחבר ווי אַן אויפגעשטאַנענער פון קבר פון פאַרגעסנקייט, מיט אַ געליימטן צונג צום גומען. אין יעדער טיר, וו ער עפנט, הילכט-אָפּ דער ווידערקול פון זיין ליד מיט ליידיקייט און זיינע לעבעדיקע מאָדעלן האָבן איינגעדרימלט אויף אייביק אין די קאַלטע אָרעמס פון די ווייסרוסישע פעלדער.

הונדערטער מיילן ווייט פון זיין געבורטסאָרט ליגט פאַרבראָכן זיין קאָפּ אויף די גראָבנס פון זיינע פערסאָ-נאַזשן און עס טויכט-אויף אויפן טראַקט אַ יונגער גאָט, אַנטהילט זייערע גופים פון ערד און צעלאָזט זייערע טייכן פאַרפרוירענע טרערן.

דורך בערג און טאָלן פליסטערן די וועלן צו פורעמען אין ליידן די פריידן פון לעבן. אין ווי פון יצירה פלאַטערט-אויף זיין ווונדיק האַרץ אין אויפגעגליטער בענקשאַפט צום אויפגעריכטן פרילינג.

דער ספר „פּרילינג אויפן טראַקט" איז נישט איינגע־פּאַסט אין טאַוול פון צייט; נייערט אויף די בלעטער פון אַ מענטשלעך לעבן ליגט אין שטויב פון די יאָרן פאַרהוילן זיין תקופה אַליין. די היימישע פעלדער און וועגן זיינען נישט קיין פּאַנאָראַמע פון מחברס ליד, נאָר אַ הייליקע מגילה געשריבן מיט שאַרלאַך בלוט פון אַ פאַרלענדטן דור. די עובדה פון שעפער איז פונאַנדערצוויקלען די מגילה פון ליידן און פיין און זי באַלויכטן פאַרן לייענער מיט דער שיין פון זיין אָפן אויג.

איינינגע בלעטער פונעם דאָזיקן בוך זיינען פאַרגעלט געוואָרן און געהערן צו יענער אַלטער תקופה פון פאַרן חורבן, נאָר דאָס רוב פון זיי זיינען געצייכנט אונטערוועגנס, אין ליכט פון פאַרלאָשענע שטערן. זייער איטלעכער פערז איז בלויז אַ זכר פון אַ זונאויפגאַנג אויף די פעלדער פון ליטע, פון אויסגעברענטע שקיעות אויף רוסישע פליינען און פון מחברס אַנטרונענער יוגנט. עס הויערט זיין טראַט אויף די דערנערוועגן צו אַ פאַרבאַרגענער וועלט פון שיינקייט און שלימות און די האָר פון זיין קאָפּ זיינען גרוי געוואָרן, זוכנדיק פאַרן צער אַ באַשייד.

צופוסנס פון ווילנער שלאַסבאַרג, האָט אים דער גורל פאַרוואָרפן צו די עלנטע ברעגעס פון דער אַלטער סען. אין רויך פון אירע ראָזע נעפּלען פאַרגייען זיינע טעג און נעכט אויף אַ פרעמדער ערד, אונטער אַ פרעמדן הימל.

גרעזי־סיר־עקס, תשרי, תשי"ג

אין געוועב פון בלויע שנייען
שלייכט אַ מאַן פון שטאָט צו שטאָט,
טראָגט דאָס שטאַר געזיכט פון צווייען,
פונעם טייוול און פון גאָט.

אויף די בלעטער פון שאָסייען
ער פאַרזיגלט מיט זיין טראָט
פון די וואַנדערנעכט די ווייען
אין זיין מילכווייסן בלאָקנאָט.

זון און שטערן אים דערפרייען
מיט דער שיין פון זייער גנאָד,
ווינטן זיינע טריט פאַרווייען
און באַשיידן נישט דעם סוד
פון די יאָרן, וואָס צעגייען
אינעם טוי פון תפילה־סאָד.

די טויערן פון מיין געמיט

די טויערן פון מיין געמיט

איך בין געבוירן אין מדינת ליטע,
אירע טראַקטן, אויסגעוועבט מיט בלויע טריט,
און אירע ווײַנשלגערטענער צעבליטע —
זײַנען די טויערן פון מיין געמיט.

אויף בערג די ליימיקע בין איך געקראָכן,
כדי מיט די פאַרנאַכטן אין איר שוים פאַרגיין,
און אירע טאָלן פליושענע פון מאָכן —
האָט מיין טאַטע אויסגעבעט מיט זיין געביין.

אונדזער שטיבל איז אין שקיעה׳ס האָניק
צופוסנס פון אַן איינזאַם באַרג געלעגן;
אויף די עירוב־דראָטן פלעגט איינטאָניק
פאַר מיר אויסגיסן דאָס הארץ דער רעגן.

די נאַכט האָט אויפגערוישט איבער מיין וויגל
ס׳געבעט פון ווערבעס אויפן גוטן אָרט,
און פאַרהילט אונטער איר שוואַרצן פליגל —
דעם טאַטנס שפּראָצנדיקע געלע באָרד.

די מאַמע אויפן אויוועלע פלעגט וויינען,
וואָס ער קומט נישט אָנפויען אין שטאַל די לאָם
און דער מאָרגנשטערן אויף די פליינען
פון איר צער האָט אויפגעלויכטן מן־הסתם.

ווייל קליינערהייט פֿאַרבליבן כ׳בין אַ יתום,
האָטביים טייך די אַלכע אירע הענט פֿאַרבראָכן;
די יום-טובים מיינע און שבתים
זיינען די טעג געווען פֿון אינדערוואָכן.

אין די סעדער פֿון בעל-גופֿס אַרענדע
כ׳האָב אויף שטרוי געגעכטיקט אין די קאַלטע בודעס,
פֿון איר טרער האָט אויפֿגעצאַפּלט אויף מיין ווענדע
אַ גאָלדן פֿיש, דעם גביר אויף שלוש-סעודות.

און אויף די פֿעלדער פֿונעם גראַפֿס מאַיאָנטעק —
ווי אַ פֿאַרעבאָק דעם ווייץ געדראָשן,
ביז דער יעסיען-טאָג פֿאַר ווי האָט קאָנטיק
אין מיין דרעשמאַשין זיך אויסגעלאָשן.

ווען דער פֿאַרנאַכט איז אין די בערג פֿאַרזונקען,
כ׳האָב אויף דער פֿאָזניע, וועלכע שמעקט מיט קימל,
צעלייגט אַ פֿייערל — פֿון זיינע פֿונקען —
אויסגעשטערנט האָט זיך אונדזער הימל.

דורך טומאַנען האָט געהויכט דער קאָרן,
נאָר מיין זילבער-סקאָרינקע פֿון קלייען
כ׳פֿלעג אין אַ טאָרבעטשקע פֿון ליין אָפּשפּאָרן,
פֿאַר די הינדעלעך אויף אָנבייסן זאָל סטייען.

כ׳האָב מיט פֿויגלען זיך געטיילט דעם ביסן,
געפּיטערט אויף דער לאָנקע פֿרעמדע ציגן,
און די טייכן אין מיין לאַנד, וואָס פֿליסן,
פֿון מיינע שירים איז אַצינד דער ניגון.

בלויז דער פויגל פלעגט מיר זינגען זמירות,
די מאַמע קרויט אויף וועטשערע נאָר קאָכן,
פון איר געירשנט האָב איך מיין עשירות —
אין אייער ברידערלעכקייט דעם בטחון.

מיין ברודער איז דער ווילנער שליאַך

די וועלפּיכע זיך שלייכט פון וואַלד אַרויס
הינטער דיין פענצטער, פּאַטערל אַנדריי.
ס׳פּאַרוויגט די בלויע פלעדערמויז
אין שטאַל די ציגעלעך די צוויי.

אין בינשטאָק טשוכעט זיך די בין,
עס זינגט די נאַכטיגאַל מאַריאַנע
און צינדט־אָן מיט אַ בעריאָזע־קין
אין פעלד די זון פון האַרעוואַניע.

פון פלוימענסאָד און וואַלד די שפּראַך
איך האָב אין איר געזאַנג דערהערט;
מיין ברודער איז דער ווילנער שליאַך,
מיין ווייב — די ליטווישע, די הייסע ערד.

כ׳האָב זי באַפּרוכפּערט מיט מיין ליד,
איר שיינקייט — מיט מיין טרער געמאָלט,
זי קושט מיט רויזן־ליפּן מיינע טריט
און זומער איז נאָר דאָן — ווען כ׳האָב זי האָלט.

מיט קוואַלן ליבשאַפט זי באַשיידט
מיין בענקשאַפט — נאָר אין דעמערונג,
ווען מיין ליידנשאַפטלעך האַרץ פאַרגייט,
דער ניעמאַן פירט — איר פלאַפּלענדיקער צונג.

מאַמע און זון

אין ווילקאָמיר, אונטער אַ בערגל זשוויר,
מיין מאַמע שלאָפט צופוסנס פון אַ קליאָן,
דורך איר צוויבערלעכן ליפ־באַריר —
גליט־אויף אין דאָרף דער רויטער מאָן.

עס טריפט אַראָפּ אַ טרער פון בוים,
אַ פויגל נאָגט דאָס האַרץ פון זון,
און ס׳ציטערט אין זיין מוטערם טרוים
אַ ניגון פון אַ האַרפּע־סטרון.

ער האָט פון שטורעמווינט פאַרהיט
דעם סוד פון אירע דלד־אַמות
און קושט דעם קאָרנפעלד, וואָס בליט —
דעם גאָלד־געלאָקטן קאָפּ דער מאַמעס.

זי נעמט אַרום אים מיט איר האַנט — דעם שטעג,
טרינקט אוים דעם טוי — פון זון די טרערן;
ער הויבט זי אויף פון שטויב און טראָגט אַוועק
אויף זיינע פליגל צו די שטערן.

— — — — — — — — — — — — — — —

די לבנה־נאַכט האָט מיט אַ שטראַל
מיין מאַמעס אויגן אויסגעשטאָכן;
עס זינגט אין סאָד די נאַכטיגאַל
דאָס ליד פון שבת — אינדערוואָכן.

ליד וועגן א פאסטעכל

אָ, וויטעק, וויטעק, דיינע פינגערלעך ווו זיינען איצט, מיין קינד? —
עס וואַרט די פּאַסטושקע אין סאָד אונטערן באַרנבוים —
זיי פלעגן טוליענען זיך צו איר הויקערל אין אָוונט-ווינט,
ווי שעפּסן צו אַ בערגעלע פון דאָרן ליים.

אָ, וויטעק, וויטעק, די וועלפּעלעך האָבן דיך אויפגעפרעסן,
ווען דו ביסט מאַלינעס געגאַנגען קלייבן פאַרן פּאַן;
דיין פייפעלע האָסטו אין נאָדל-וואַלד פאַרגעסן,
און איר ווידערקול — די קוקאַווקע אין טומאַן.

עס וויינט די פּאַסטושקע נאָך וויטעקן ביים זונפאַרגאַנג און קניט,
ווייל זיינע ביינדעלעך זיינען פאַרלאָרן;
פון אירע טרערן האָט אין פעלד די נידעריקע גריקע אויפגעבליט
און פון זיינע ביינדעלעך — דער הויכער קאָרן.

דאס ווייסע ציגעלע און דער מאנדלבוים

אַ ווייסע ציגעלע האָט ליב געהאַט אַ בוים מיט מאַנדלען,
נאָר צו זיינע אָרעמס נישט געקענט דערלאַנגען, —
בעטן גאָט, עס זאָל זיך אין אַ שוואלב פאַרוואַנדלען —
איז זי מיטן שטעגל באַרג־אַרויף — אַוועקגעגאַנגען.

ס'האָט גאָט דאָס ציגעלע פאַרוויגט אין מערב־וויגל,
און די לבנה — מיט איר גאָלדן מילך עס אָנגעזויגן.
נאָר אויף אַ זילבער־וואָלקנס הייסן פליגל —
איז זי אין טאָל צום מאַנדלבוים אַראָפּגעפלויגן.

דער באַרגיקער טומאַן, דער בלויער, איז אַ ברונען,
און דאָס ווייסע ציגעלע — אָ, פלאַי־פלאַים! —
ס'האָט גאָט עס אַ דערטרונקענעם אין טייך געפונען,
און דער מאַנדלבוים געשריבן מיט אַ שוואלב האָט תּנאים.

פּאָסטנע ליטע

דער פּאַהאָסטער וועג, דער פרומער פּויער,
צלמט זיך פאַרן גלובאָקער מאָהילניק;
ס׳בוקן זיך שאָסייען צו קאָבילניק
און בעריאָזעס — פּאַר מיר, זייער טרויער.

באַרג און טייך, מיין הייליק איבערבייסן.
בהמות צו דערבאַרעמדיקע פעלדער קניען;
אָ, פּאָסטנע ליטע, כ׳וועל די אינדערפריען
מיט זייער פאַרנעם מילך פאַרווייסן.

פּאַסטעך, ס׳איז דער הימל אונדזער גרויע תפילה,
נאָר דער סלאָוויק אין די אָלכעס לאָקט:
דער טרוים אַ גאָרטן פון בורשטין פאַרמאָגט
מיט האָניק־מאַלינעס און קאַרשן קילע.

ס׳הילכט אין וועלדער אַ פאַרהוילט גיטאַרע,
פון אָוונט־גאָלד — אַ קרוין נעמט שטראַלן;
און קאַרשנווייַן גרייט מיר אין פליין דעם אָוואַלן
אַ קיניגין אַ וווּנדערבאַרע.

אין פרילינג־דופט פון איר טשערעשנע־בוים
קלינגט זים דער קוואַל, דער בעכער פון קרישטאָל,
אַ ווערבע־פייקע גליט אין טאָל,
איך טרינק די רייפע זאַפטן פון מיין טרוים.

דעם לבנה׳קן פּענעץ ציטרין
זויג איך מיט אַ ווונדיקן צונג אַ בלינדן,
באַלזאַם-קלאַנגען אירע שטערן צינדן:
— גלין, גלין, גלין — — —

די צערקווע ווייט מיט אָוונט-גייסטער
און פאַר די אומעטיקע דערפער-שאָף
זי לייענט אויסנווייניק פאַרן שלאָף
די פּסאַלמען-געגנט פון איר מייסטער.

דאָס קלויסטערל, אין פראַק אין ווייסן,
מיט געזאַנג באַלויכט דעם וועג צו גאָט,
שפּינט-אויס פון שעפערס אומזעבאַרן טראָט
די ליינענע לעגענדע — רייסן.

הארבסט

טאָפּאָליעס יונגע פלאַמען
ביים ראַנד פון אָוונט־רויט.
דער ווינט לעשט־אויס די שטאַמען,
די בלעטער פאַלן טויט.

די ערד שטרעקט־אויס איר אָרעם,
צו טאָן מיט זיי דאָס רעכט.
איבער טעכטערם קברים —
דער בוים די הענט פאַרברעכט.

פאַר די בלעטער גרינע
אַ פויגל קניט אַ שטומער,
ער וועט אין זיין נגינה
פאַרהוילן זייער זומער.

ער וועט אין זיין זכרון
פאַרבאַרגן זייער שיין.
ביז דער ווינט דעם ארון
אין קרישטאָל פאַסט־איין.

די גאָלדענע געזיכטער
אויף אָרעמס פון די שנייען,
אין אָפן הארץ פון דיכטער —
שלאָפן איין אין צווייען.

אויפן גאַסטינעץ

מיטן לייוונטענעם גאַסטינעץ
וויל איך פאַרוויקלען די צעוואָרפענע כוטאָרן,
וואָס איך האָב בלאָנקענדיק אין פראָסט און נעץ —
אויף די פעלדער אָנגעוואָרן.

וואָסער פויגל זינגט, בשעת איך וויין,
און וואָסער פויגל קלאָגט, בעת איך לאַך? —
בלויז זי, די נאַכטיגאַל אַליין
ווי מיין דאַליע אין טומאַן איז וואַך.

אויפן גאַסטינעץ נאָר צוויי בערעזעס
די שפּורן בענטשן פון מיין איינזאַם גאַנג.
און די כוטערלעך אויף שטומע מיעזשעס —
כאָטש מיט דער דלאָניע זיי דערלאַנג.

אויפן אַקסל אין אַ קלומעקל איך טראָג
אַ ווערבעפייפל און אַ לאַבן ברויט
און מיט מיין וואַנדערשטעקן איך דעריאָג
דעם טאָג, וואָס גוססט אויף אַ פּלויט.

די שטראַלן פאָספאָרנע פון טאָג עס פרעסט
אין וואַלד דער פיקהאָלץ, דער נישטגוטער,
און אײדער דער פאַרנאַכט זיך לעשט,
צינדט־אָן אַ ליכט נאָך אים אין אויג דער כוטער.

עס דרייען בלעטער זיך אין קאַראַהאָד —
די קרוין פון האַרבסט טוט־אויס דער וואַלד;
דאָס זומערליד פון נאַכטיגאַל אין סאָד —
אויף דנאָ פון פּייפל מיינער איך באַהאַלט.

דער ווינטערטאָג אין וויסטן פעלד פאַרגייט,
דער ווינט מיין קאָפּ מיט בלויען שניי פאַרשיט,
און מיטן טייך — זיין שטאָלן קייט —
ער פּענטעט פון מיין שפּאַן די טריט.

איך דרימל־איין אַליין אויף האַרטן שטיין
ביי דער אייביקייט אין קאַלטן שוים,
און ווייט, אין אומעטיקן פליין,
דאָס ליכט פון כוטערל גייט־אויס.

עס גליען שטערן אויף פון האַרץ די וווּנדן,
עס טוט מיר וויי דער גאַנצער קאַנט;
די כוטאָרן מיטן גאָסטינעץ פאַרבונדן —
די נאַכט האָט מיט אַ בלויער האַנט.

געזאַנג פון בעל־עגלה און זיין ווייסן פערד

א

— ווען ס׳איז פסח, ווײַם דער רוח —
טראַכט דער ייִד פון דאָרף סלאָבאָדע;
ס׳האָט די ציג פאַרשלעפּט זיין לוח,
דער האָן צעפּליקט האָט זיין הגדה.

אויף זיין כאַטע רייט אַ כמאַרע,
ס׳רינט די נאַכט פון בית־החיים —
מסתמא איז דער וואָלקן — פּרעה,
די שטערן — די ייִדן אין מצרים.

דער ווייסער אָדלער אין סטאָדאָלע
בליצט מיט פּאַדקאָוועס פון פייער,
ס׳הערט אַ שטים דער בעל־עגלה —
ס׳קראַכט אַ דונער אין זיין שייער:

— משה הײם איך, האַר, זיי ווייסן,
האָסט מיין בידנעם פאָלק פאַרקנעכט,
האָסט מיין לאַמע ווייב פאַרשמיסן,
גאָטס געבאָט — מיט בייטש פאַרשוועכט.

ס׳ווינט מיין עופּהלע, פֿאַרוואָס אים
דער מאַמעס מילך איז אויסגערונען.
נאָר די ערד זויגט־אָן דעם יתום
מיט אַ טרער פֿון אויג — דעם ברונען.

פֿייגל אויף זיין מזל קלאָגן,
און פֿון יתומס טריבע טרערן,
וואָס זיי האָבן צו גאָט פֿאַרטראָגן —
אויפֿגעלויכטן האָבן שטערן.

ס׳האָט אַ שוועלבעלע דעם לאַשעק
מיט אַ טרויער־ליד פֿאַרוויגט,
און גאָט האָט — ווי עס שטייט אין פּסוק —
מיך צו דיר אַראָפּגעשיקט.

(צום וואָרעם פֿעלד, דעם אָפֿן סידור,
פֿאַלט דער קנעכט צו מיט די ליפּן:)
— אויפֿן צער פֿון מיינע ברידער
די מזלות נעמען כליפּען.

ס׳קרעכצט ביים שיידוועג די טאָפּאָליע,
אויפֿן פֿערד, וואָס גייט אין שפּאַן;
און גאָט שליידערט דיר אַ קללה
דורך דער שלאַנג — די אייזנבאַן.

ב

ס'קראַצט דער ווינט דעם פורמאַנס פּיאה,
ציט צום טייך אים פאַר דער באָרד,
אויף די פליגלען די זאַווייע
פאַרטראָגט אים אויפן גוטן אָרט.

ס'רינט־אוים די נאַכט, דער מזרח טאָגט
פון זיינע ברידערלעכס מזלות —
פון דאָרף דער ווייסער אָדלער יאָגט,
אויסלייזן זיין פאָלק פון גלות.

איינגעשפּאַנט אין וויכערס לייצן,
שוועבט דער קנעכט צום שר־שמים:
— אָ, לאָז נישט אויף די וועגן קרייצן
דיינע שטומע בעלי־חיים!

אין פאַרוואָרפענעם פאָלוואַרעק
ער וועקט די קאָבילעס פון שטרוי:
— פונעם שוויים אויף אייער קאַרעק
טריפט אין פעלד דער מאָרגנטוי.

מיר האָבן טראַקטן אויסגעפאָרן
צו דעם הימלשן יאַריד,
נאָר דער הערשער האָט מיט שפּאָרן
צו דער ערד אונדז צוגעשמידט.

טרילט אַ פויגל אויף אַ קוימען:
— ברידער, דעם געשפּאַן צעברעכט,
שטערן קלינגען אויף פון צוימען
דאַך פאַר דעם, וואָס איז גערעכט.

צו די כישופדיקע סטאַוון
אַ מלאך שוועבט — אַ ווייסער שוואַן,
שפּרייט אין פליין אויס פאַר די שקלאַוון
האָגלען זילבערנע פון מן.

איבער משהן פון סלאָבאָדע
גייט די זון אויף פון צינאָבער,
ס'מישט דאָס ווינטל זיין הגדה —
ס'פעלד מיט שפּראָצנדיקן האָבער.

מיטן שליאַך — דעם ווייסן פאָדעם, —
ער שפּינט דאָס ליד פון ווינט און טייך,
און פירט די אָרעמע עבדים
אין אַ גאָלדן קיניגרייך.

דער פּאַסטעך מיקיטע און זיין פייפל

דער אָרעמער פּאַסטעך מיקיטע אין פעלד איז אַ קיסר,
זיין זון־קרוין האָט ער פון פאַרהוילענער נאַכט אויסגעקלערט,
זיין קיניגרייכס צויבער — דער גילדענער מאָרגן, דער הייסער —
גליט־אויף פון זיין האָרן און שימערט אויף היימישער ערד.

אַ צאַפּלענדיק סמיק איז זיין סצעפּטער, אַ פליימ זיין קינזשאַל,
דער קוואַל — אַ סטרון פון זיין דופּטיקן באַס — דעם סאָסניאַק,
און ס׳יאָמערט אין גאָרטן פאַריתומט די נאַכטיגאַל
פון שקיעה, וואָס בלוטיקט פון שטיינערנעם שרהם קולאַק.

דער טרוים אויסגעצירט האָט זיין שטרויענע כאַטע מיט שטערן,
די וואָר — אין זיין פעלערינע דעם זאַק — אויסגעהוילט אירע וויעס;
נאָר זיינע זילבערנע סטאַדע־קייטן געלייטע מיט טרערן —
קלינגען אַריבער דער וועלפיכעס ווערעמדיק חיות.

ער פיטערט די מאַגערע לאָנקעס און דאַרשטיקע שטרעקעס,
וואָס טרינקען די שיין פון זיין הימל־געוויסן דעם בלאָען;
די לעמער זוכן די ברידערלעכס ביינדעלעך אין די פּאַסיעקעס
און זייערע פּאַזעמקעס־בלוטן, וואָס ברענען די קלאָען.

און ווען אַ בראַנדזענער רייטער שוועבט־אָן אויף אַ וואָלקן —
אויסצוהאָגלען אַ מאַרש אויף די ציגענע פעלן —
דאַן בליט־אויף דעם פּאַסטעכס ווערבע־פייפל, און די פאָלקן
ראָבן — קרייצן־זיך אויף אירע הייליקע טרעלן.

די שעפּעלער קניען אין שוים פון די פּאַזניעס די גרינע,
און האָרכן, די נאַכט פונעם עלנטן צווינטער רינט,
נאָר דער פּאַסטעך כישופט אַ מזרח־טאָן אוים פון קאַרינע —
זיין כלי־זין קעגן שטורעם און מערב־ווינט.

דער הוראַגאַן יאָגט די כמאַרעם — די וויספּעשע לייבן צערייצטע,
און ס'קלינגען די בליץ־שווערדן אַרוים פון די קופּערנע שיידן;
נאָר דער פּאַסטעך פירט־אָפּ אַ מבולבלע לאַם אַ פּאַרפּלייצטע
אויפן ניגון פון פייפל — דעם גילדענעם שליאַך צום גן־עדן.

דער וויכער דונערט־אוים בלייענע נעכט פון זיין מויל דאָס פּאַרקייכטע.
און שפּיזן־שלאַקסרעגנס — אין די קעפּ פון די שאָף ער שטעכט אַריין;
נאָר אין גאָטס שפּיגל — דעם פּאַסטעכס אויג דאָס פייכטע —
זיי זעען, די זון גייט־אויף — פון זייער אייזערנער פּיין.

1939

חברטע אָלבע

איך באַהאַלט אין מיין אויער דעם ניגון
פון ווייסע פאַרמשפּטע הענער,
די זין פון מיין זוניקן טרוים אויסגעבריטע,
וואָס האָבן אין פרילינג מיט פאַרכטיקע טענער
דיין דופטיקן נאָמען פאַר מיר אויסגעקרייט.
אונטער דיין טליאיקן שוים פון טאָרף
זיץ איך, חברטע אָלבע, מיין גאָלדענע וויג
און מיין רויזיקע מיטה,
איך וועב־אוים מיין דיינע פאַר דיר אויפן דאָרף,
מיין בעז־באַהויכטע, שאָפענע פלייט.

פון שאָפענעם דאָרף טוט אַ קלעטער
אַ זיפּץ פון אַ שטומער געבונדענער עדה
און ציטערט אין תכלת.
אָ, חברטע אָלבע, צעבלעטער
מיין תפילה פון באַרג און טאָל.
הינדעלעך, מיינע פאַרערעריגם פרומע,
דעם צאַפּל פון אייער באַשערטער עקדה
איך האָב אין אבילות
פון אייער געשאָכטענער אומה —
פאַרהוילן אין מיין פייפיאָל.

צו די מאָכיקע טריט דיינע, חברטע אַלכע,
קני איך, דיין הימלאָז געווימן,
דיין בלאַנדזשענדיק גייסט, דיין באַזינגער און קנעכט.
איך גריזשע דעם יאָדער דעם זיסן
פון האָרץ מיינס — דאָס פעלד מיט ליים.
שפּרייט־אוים דיינע פליגל, אָ, מוטער,
דעם עלנטן גייער
און רויש־אוים די נעכט
אויפן שטרויענעם כוטער,
מיין ראָזשינקעס־מאַנדלדיקס קינדישע היים.

דיין ווײנענדיק וווּנד און דיין ציטעריקער שאָרך
בין איך, אייביקייט ליבע,
נעם מיך אַרום מיט דיין באַלזאַמען אָרעם
אָ, חברטע אַלכע, און האָרך:
אין ניגון פון מיין אַבלדיקן פליט, וואָס ברענט,
צעשמעלץ איך די גלידער פון בראַנדז און טשוהון
פון די האַרבסטן, די געלע קיסרים,
זיי האָבן טריבע
פאַרלוירן די קרוינען פון זון
און שטאַרבן אויף דיינע אַלבאַסטערנע הענט.

אויך איך שטאַרב, נאָר פון מיין גראָען געביין
און שפּעסענעם טראָט
צום וועלפישן קבר — בליט אויף די פעלדער דער קאָרן.
מיין ווייטאָג איז דער טראַקט צו גאָט
און פון מיין בלוט לויכט דער באַגין.
איך בלאַנדזשע, ווייל איך האָב אין פלאַמען
מיין אָרעמע נעסט אָנגעוואָרן
און אין געוויטער —
די בליענדע שטאַמען
פון ליטע, דער מאַנדאָלין.

איך האָב עס געזוכט אין די שאָטנס פון דעמער,
געפרעגט ביי די טייכן, וואָס סודן זיך באַנג.
עס מורמלען די וועלן אַ טרויעריק זמר,
אין תהום זיי פאַרשלינגען דעם זונאונטערגאַנג.
טויכן־אויף פון געוויין
און מיט לאָקן צעלאָזענע
זיי וואַנדלען אין וויסטן, אין נאַקעטן פליין,
מיט ביינערנע הענט, מאַנדאָלין מיינס בעריאָזענע,
זיי וועבן אויף סטרונעס
דעם צער פון פאַרגיין.

דעם וואַנדערערס טרייסט איז צוקאָפּנס דער שטיין,
דער אָלכענער בוים, בעת עס דעמערט און רעגנט.
איך האָב אויפן הוילן געלעגער אין פליין
געזויגן דעם טוי פון מיין לייבלעכער געגנט.
אין פרילינגדיק וויי זיך באַהעפט מיטן פעלד.
ליטע, מיין פערזיקער פורעם
און דנאָ פון מיין טרויער,
פאַרוויג אין דיין דלאָניע דעם שטערן דעם מידן
פונעם פאַריתומטן פרינץ פון יסורים,
וואָס שמידט־אוים אין פיין דעם באַשייד פון דער וועלט.

אַ קלעזמער בין איך און די ווילנער ווילִיע
איז אַן אַקאָרד פון מיין טרערפולער האַרפע.
אין שיין פון לבנה זי פליסט פון מיין וויע
דורך בערגשפּיצן שאַרפע
און וועלדער אין חלל, וואָס שטאַרצן.
אין ווידערקול פון די קוקאַווקעשע איכה׳ס
די נאַכט פון זינד
אין קוש פון באַגינען איך שרפע —
ביז דער נעפּל צערינט
אין מיין תפילה פון האַרצן.

מיט ביינענעם זכר פון מאַמעס אַ שאַרבן
עלעגיעס איך שפּיל
אויף דיר, ווערבענע מאַנדאָלין ליטע.
די פייגעלעך טרעלן, דאָס איז פון מיין ציל
צו דער זון און פון מיין בענקשאַפט די קלאַנגען.
חברטע אָלכע, די זומערס, וואָס שטאַרבן,
אין אויסגעהוילט פעלד זוכט דער פּאַסטעך מיקיטע
און אויף דיין האַלדז,
אין גאָלדענע גאַרבן, —
מיך געפינען ביים רווישיקן וואַסער — געהאַנגען.

עקיבה־איצעס טאָכטער און די פויגלען

א

דער דאָרף איז אַ גוז ביי דעם איינזאַמען באַרג אויפן אויער,
דער וועג — אַ ווייסע פּאַטשיילקע אַרום אים איז פאַרבונדן.
און אַ וואַלד אַ יאַדלאָווער, אַ הויקער אַ גרויער,
וואַקסט אויף זיין ליימיקן קאַרק אויפן רונדן.

ס'הערט נישט דער באַרג, דער טויבלעכער זקן דער געלער,
ווי ס'פּייפט אים אין אויער די הוילע זאַווייע,
און דאָרט ווו דער וועג אַרום גוז, זיין ווייסע פּאַטשיילקע, ווערט שמעלער,
ליגט אין קניפּל פון ליפּעס פאַרהוילן אַ גאָלדן קמיע.

כ'בינד־אָפּ דאָס קניפּל, אַ קעסטעלע רוט דאָרט אין דרימל
פון אָוונט. אַרום איר אַ שנירל טשערעשנעס פאַרזייט;
אירע פענצטערלעך בלויע באַוואָקסן מיט שימל
און אויפן טירל אַ גלעקל — אַ הונט אויף אַ קייט.

ב

— ווער האָט דאָס קניפּל פאַרלוירן? אָ, מוטער לעגענדע,
דערצייל מיר! און ס'קעסטעלע אינווייניק ווער האָט געבויט?
— דאָס האָט עקיבה-איצעס זיידע, דער קרעטשמער לייב-מענדע,
געבויט און פאַרלוירן, ווי דו וועסט פאַרלירן דיין ליד נאָכן טויט...

זון מיינער, עפן דאָס קעסטעלע אויפעט פּאַוואָליע,
אין איר אָלקער פאַרבאָרגן ליגט ווו אַ בריליאַנט,
פון הינטער אירע שפּאַרונעס, פאַרקלעפּטע מיט סמאָלע,
לויכט ער אַרויס אויפן מאָכיקן קאַנט.

— לעגענדע, דו מיינסט עס דעם מילנערס טאָכטער מסתמא,
וואָס זי איז דער זומער-אינדערפרי?
עס שעפּטשען ביים וואַסער די ווערבעס די לאָמע:
— דאָס איז זי, דאָס איז זי, דאָס איז זי...

ג

— עקיבה-איצעס טאָכטערס אויג איז אין פעלד דער זונאויפגאַנג
און אירע חלומות — די טעג, וואָס פאַרגייען —
אַזוי האָט אין קוזשניע געזונגען דער האַמער צום צוואַנג
און די רעדער — גערוישט פאַר די וויַיטע שאָסייען.

— עקיבה-איצעס טאָכטערס פּנים איז אין הימל די לבנה,
און צירט-אויס מיט איר פּערל די קרוין פון אין-סוף —
אַזוי האָט פון צווינטער די אַלטע וואָראָנע
דערציילט פאַר דער צערקווע, וואָס פלוידערט פון שלאָף.

אָבער וואָראָנעס פאַלשע, רכילות'ניצעס,
וואָס דערציילט איר דעם ווינט, אַז איר האָט געהערט,
אַז זי, די טעכטערל עקיבה-איצעס,
וויל אַראָפּוואַרפן דעם אָדלער. — אייער קיסר — אויף דר'ערד!

ד

וואָראָנעס פּאַלשע, עס איז דאָך אַ ליגן,
אַז מיטן וויי פון דער מיידלס נגינה
אָרעמע מוטערס די שוואַלבן אין זייערע נעסטער פאַרוויגן,
זיי דאַרפן קיין קיסר נישט האָבן אין זייער מדינה.

— קוקו — די קוקאַווקע וויל נישט גלויבן
און דו — פאַרנאַכט — דו ביסט דאָך איר צער, דו ביסט דאָך איר שווייגן,
צי האָט עקיבה־איצעס טאָכטער געשיקט דורך די טויבן
אַ גרוס צו די קאָנאַרעקלעך, די געפאַנגענע אין די שטייגן?

דאָס בלוט פון פאַרנאַכט אויף די פעלדער נעמט טריפן,
די שיין פון טאָג דער ווינט וועפּט־אויס.
און די נאַכט מיט בלויע הערראָגליפן —
עקיבה־איצעס טאָכטערס ליד וועבט־אויס.

ה

— שלוחים צוויי וועלן דורך קראַטן פון אייזן —
ווען די צערקווע ביים טייך אויף באַגינען וועט שלאָגן —
די הימלען פון אייערע טרוימען אומקרייזן
און נידערן צו אייערע ענגע אָסטראָגן!

מיט איידלשטיינער גרינע און ווייסע
אין קרוין פון פרימאַרגנזון פאַסט־איין דער טייך — — — —
און פאַרשווונדן ווערט די נאַכט בעת־מעשה
אין איר פאַרבאָרגן קיניגרייך.

בעת די צערקווע געקלונגען האָט אויף אַן אַליאַרם,
צעהילכט פאַר די פייגל דער מיידלס כתב,
איז אויך דער גאַנער אַנטרונען געוואָרן פון פאַרם
און די קאַטושקעלעך — נעלם געוואָרן פון סטאַוו.

ו

דער מסור, דער הויקער, דער בלינדער קאַרשון
האָט די מסירה אין זאַמד פאַרזיגלט מיט רויטן טינט —
(מיטן בלוט פון זיין אָרעמען קרבן — די הון)
און געשיקט עס צום אָדלער, זיין האַר, דורכן וויכער און ווינט:

— אַז די וואָראָנעס זיינען נישט קיין רכילות׳ניצעס,
ווי זי מוסרט די עופות, האָב איך געהערט,
אַז זי, די טעכטערל עקיבה־איצעס
וועט אַראָפּוואַרפן דיך, אונדזער מושל אויף דר׳ערד!

עס זינגען ביי איר פענצטער די גרויאינקע שוואַלבן,
און ס׳קרייען אין קאָטוך די פאַרמשפּטע הענער:
— מיר וועלן דיך פאַר אונדזער הערשערין זאַלבן,
מיר שווערן ביי אונדזערע רויטע פענער — — —

ז

...און ווען די בוטשאַנען, די פירשטן, די אַריסטאָקראַטן
האָבן די שווערדן אָנטקעגן די מורדים אָנטבלויזט,
האָבן די פּיקהאָלצן — די פּראָסטע סאָלדאַטן —
זיי אויסגעשטאָכן און דערטרונקען אין רויסט!

און די ראָבן, די שוואַרצע גענערעלער
אויף די ליפּעס ביים סטאַוו אויפגעהאַנגען.
אויך דער פּאַפּוגאַי, — דיין פרינץ דער געלער —
ביי זייער הערשערינס פיס ליגט געפאַנגען.

דער יונגער קיניגינס בלויע מחשבה
דער קנעכט אין זיין שטייג אויפן קול פלאַפּלט נאָך — — —
און אין די וועלדער די יאַדלאָווע
קלאָגט די סאָווע אייביק אויף זיין בראָך.

ח

ווען די מסירה געבראַכט האָבן צוויי זאָווערוכעס,
האָט דער מלך פאַרלאָזט זיין טראָן פון שטיין,
דורך צוויי משרתים, שוואַרצע רוחות —
באַפוילן אים ברענגען דעם קרבן אַליין.

ס׳האָט דער טאָג אויף דער נאַכט פאַראיבל,
אָבער נישט עקיבה־איצעס טאָכטער אויפן אָדלער, דעם האָר.
איך וויין און רויכער — דעם דאַך פון איר שטיבל —
כ׳צינד־אָן מיט מיין ברענענדן ציגאַר.

פון נאַכט און געוויטער איר טיר איך פאַרריגל,
ביז עס צערינט אינעם רויך איר געשטאַלט.
און טויכט־אויף פונסניי פון געוויין מיינס דעם שפּיגל —
פאַר דורות איר אָנדענק אין ליד איך באַהאַלט.

ט

עקיבה־איצעס טאָכטערס אויגן פּיקן אויסעט שנאָבלען שאַרפע,
ווו עס טריפט איר בלוט — ווערט האַרבסט אין לאַנד;
אויף טעלעגראַפן־דראָטן — זיין שטאָלענער האַרפע—
שפּילט דער שטורעם, דער בלינדער מוזיקאַנט.

פאַר עקיבה־איצעס טאָכטערס דאָליע דער הימל עס פלעכט —
אַ נעץ — פון שניי אויף דר׳ערד, וואָס שיט,
אין פעלד די זאָווייע מיט נאָדלען זי שטעכט
און טאַנצט און זינגט איר ווינטער־ליד.

... פון דאַן־אָן מאָלט דער פראָסט אויף די שויבן איר בילד —
ווי זי הענגט אויף אַ ווערבע מיט צעוואָרפענע צעפּ,
און דער שטורעם, דער בלינדער מוזיקאַנט, ער שפּילט
אויפן באַס — דעם ברוינעם סטעפּ.

י

יאָ, דער דאָרף איז אַ גוז ביי דעם איינזאַמען באַרג אויפן אויער,
דער וועג — אַ ווייסע פּאַטשיילקע אַרום אים איז פאַרבונדן,
און דער וואַלד דער יאָדלאָווער — זיין הויקער דער גרויער —
ברענט אויף זיין ליימיקן קאַרק אויפן רונדן.

ס׳הערט נישט דער באַרג, דער טויבלעכער זקן דער געלער —
ווי ס׳וואַרקען אין אויער אים טייבעלעך תפילה...
און דאָרט ווו דער וועג אַרום גוז, זיין פּאַטשיילקע, ווערט שמעלער —
ליגט אין קניפּל פון ליפּעס פאַרהוילן דעם מילנערס מגילה.

זיין שטיבל איז חרוב, דער באַלקן באַוואַקסן מיט מאָכן,
צעריסן דאָס שנירל — איר רויטינקער פלאַנקען פון ריטער,
אירע פענצטערלעך בלויע פון שטורעמס און ווינטן צעבראָכן
און ס׳גלעקל פון טירל — דער הונט אויף דער קייט — יאָמערט ביטער.

יא

עקיבה-איצעס טעכטערל, כ׳האָב געזען, ווי דו שטאַרבסט!
געזען ווי צו קבורה באַגלייטן דיך שוואַלבן, די גרויע רעקרוטן,
דו ביסט דער זומער געוועזן, מיין קינד, און דער האַרבסט
פאַרריגלט דעם זונפאַרגאַנג אין דיינע בלוטן.

איך זוך דיינע ביינער אַצינד... און אין איטלעכן ברונען
דערזע איך דיין אויג, וואָס אין טרערן פון דורות איז וואַך,
פון דיין איטלעכער טרער וועלן אויפגיין אין הימל זיבן זונען
אויף גאָלדענע לייכטער — די סאָסנעס ביים שליאַך.

דיין ציטריקער קול איז אויף אייביק אין קבר אַנטשוויגן,
נאָר ס׳טרעלט דער קאַנאַרעק באַגינען אין סאָד דיין נגינה,
און אָרעמע מוטערס די פייגלען אין זייערע נעסטער פאַרוויגן,
זיי דאַרפן קיין קיסר נישט האָבן אין זייער מדינה.

דער שליאַך
דערציילט אַ מעשה

דעם שליאַכס ווייבער

דעם דיכטערס חבֿרל, דער ווירטואָז דער סאָלאָוויי,
נעמט אַרום אַ סאָסנע-צווייגל — זיין וואָלטאָרן —
שפּילט אויס אַ ליד פון שליאַך און זיינע ווייבער צוויי —
דעם רייכן ווייצנפעלד און דעם אָרעמען קאָרן.

דער סאָלאָוויי שפּילט. צום ראָמאַנס די ווערטער
האָט פּאַרפּאַסט דער דיכטער אויפן הימל דעם בלויען
מיט שטערן. שטיל. נאָר פּלוצעם דערהערט ער,
ווי ס׳נעמען זיך קריגן דעם גאָסטינעצס פרויען.

די ווייץ איז אַ נידעריקע פרוי מיט פעטע בריסטן,
דאָס קאָרנפעלד איז פון איר העכער און עלטער;
די ברייטע יידענע מיט דער שלאַנקער קריסטין
אַמפּערן זיך, וועמען דער שליאַך האָט העלטער.

מאַרוסיע די קאָרן האָט בלויע אויגן, בלאָנדע לאָקן,
די מאַדאַם ווייץ איז, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, בלינד;
— ווער פון אונדז האָט מערער חן ביים וועג, דעם זקן?
פרעגן די ווייבער ביי דעם יונגן ווינט.

— דער שליאַך האָט האָלט זיין יידיש ווייב די בלינדע,
ווייל זי איז גאָטספאַרכטיק, און קלוג, און רייך —
געענטפערט האָט דאָס ווינטעלע דאָס לינדע
און פאַרפלויגן צו זיין מויד — דעם ליטוויש טייך.

— דער יונגער ווינט איז געווים נישט ניכטער,
זאָג, וועמען האָט באמת האָלט דער געלער וועג ? —
האָט די קאָרנטאָכטער ביי דעם דיכטער,
איר מליץ־יושר, געטאָן אַ פרעג.

— דער שליאַך קוקט אויף דער נגידית׳טע מיט ביטול,
און אין האָרעפּאָשנעם קאָרנפעלד איז ער פארליבט, —
האָט געלייענט פאַר דער תבואה דער מחבר אַ קאַפּיטל
פון גאָלדענעם מילכוועג — זיין מאַנוסקריפּט.

— נישט דער ווינט, נאָר דער פּאָעט איז שיכור מן־הסתם,
דער שליאַך האָט האָלט נאָר מיך, ווייל איך בין קלוג און שיין —
האָט געכליפּעט צום קאָרנפעלד די ווייץ די מאַדאַם,
נאָר דער קאָרן זיפצט : — לאָמיר פרעגן אים, דעם וועג אַליין.

אין תבואה האָט אַ קאָרשון זיך געיאָגט נאָך אַן עוף,
די הינדעלע קוואָקטשעט —ביידע וויבער ריידן זיך איבער,
וועקן־אויף דעם מידן שליאַך פון שלאָף
און פרעגן : — וועמען פון אונדז ביידן האָסטו ליבער ?

עס פאָרט דורך אַ בריטשקע — ס׳דערהערט דער פּאָעט —
דער וועג פאַר די פעלדער פאַרטרויט זיינע ליידן :
— כ׳האָב ליב די קאָרנטאָכטער, ווייל זי וועט
מיט מיר דעם אָרעמאַן זיך נישט צעשיידן.
— — — — — — — — — — — —

אַנומלט האָט דאָס קאָרנפעלד אַ העצע אָנגעמאַכט
און איר בלינדע קאָנקורענטין פאַרן שליאַך באַרעדט :
זי האָט איינמאָל געזען, ווי דער ראָזער פאַרנאַכט
האָט מיט שטראַלן דער ווייצס הייסע בריסטן געגלעט.

פון ווייץ שפּרינגט אַרויס אַ הימלאָזער הינטל —
דאָס גיט די בלינדע דאָמע צום שליאַך אַ זאָג:
— ס'האָט איר פאַרטרויט דאָס יונגע ווינטל,
אַז דער קאָרן רויטלט זיך פאַרן פאַרטאָג.

אין די רויסטן צעקוואַקען זיך די זשאַבעס —
דאָס מוסרט דער גאָסטינעץ די ווייץ און קאָרן:
— פאַר די בעריאָזעס שעמט זיך, אַלטע באַבעס,
און פאַרן נוסביימל, וואָס ווערט אַצינד געבאָרן.

דערנאָך האָט ער מיט זיין לאַנגער האַנט, דעם שטעג,
זיין דיקע יידענע — די ווייץ אַרומגענומען,
און זיין שלאַנקער אישה האָט דער וועג
געקושט אירע בלויע אויגן — די קאָרנבלומען.

וויאָ, וויאָ, פערדעלעך!...

אין די עלנטע דערפעלעך הינט נעמען בילן,
ס׳פאָרן אַרוים די פּויערים אין שטאָט צום יאַריד,
ס׳טוט אָן דעם געשפּאַן — זיינע תפילין —
און דאַוונט שחרית דער וועג — דער ייד.

אויפן באַרג — זיין גרינעם געהויקערטן קאַרעק,
ער ציט אַרויף זיין תלית — דעם גראָען טומאַן,
פאַרשטעלט זיין זאַק — דעם געלן פּאַלוואַרעק,
און דעם כוטערל — זיין טשעמאָדאַן.

דער וועג זאָגט תהילים, זיינע קרענעצעס טרערן
מאַכן נאַס די באָרד פון פרומען דזיאַד,
דעם בעל-תפילה׳ס של-ראָש אויפן שטיינערנעם שטערן —
איז מיקיטע דער בעטלער, וואָס זיפצט נע-ונד.

ס׳טוען אוים די בעריאָזעס פון שאָטנס די טיולן
און זייערע שמינקע-בלייערס — שטראַלן פון באַגין —
זיי נעמען אַרוים פון די כמאַרעס — רידיקולן —
און פאַרבן זיך די ליפּן מיט פעטן קאַרמין.

— — — — — — — —

דער שליאַך וויקלט אויף פון דער האַנט זיינע תפילין,
באַהאַלט אין זעמליאַנקע זיין אַלטן של-ראָש;
דאָס נוסביימל שטיפט — עס שפּילן די גרילן,
ס׳טוען אָן די בעריאָזעס די זון — זייער בראָש.

עס פוצן זיך די אײדעלע, בלאָנדע שװעסטער,
די בראָנעס — זײערע היט — אויף די קעפּ זײ פאַרריכטן;
די שװאַלבן טשוכען זיך אין זײערע נעסטער —
די בײמער הויבן אָן זיך דערצײלן געשיכטן.

עס פאָרט דורך אַ פורל, עס סקריפּען רעדער —
דער װעג מאַכט אַ ברכה אויף פערדישע טריט;
... און פײגלען פליען דורך װעלדער און סעדער
צו די בראָנעס — די בעריאָזעשע פײנע היט.

— — — — — — — — — — — — —

עס קװאַקען די זשאַבעס — עס בענטשט אונדזער שליאַך,
דער װינט מיטן נוסביימל זאָגט מודה־אני...
די בעריאָזעס — די הענט שפּרײטן אויס מיט ראָזמאַך —
און שפּילן אַ װאַלס אויף דער צערקװע — דער פּיאַנע.

דער װינט אויפן עירוב־דראָט — זײַן באַלאַלײקע —
אַקאָמפּאַנירט זײַן יעדע באַלעבאָסטע;
דער װעג פאַרפּיפּקעט פאַר תענוג זײַן פּײקע —
די דאָרפישע, לײמענע באָד, די פאַרלאָזטע.

די בעריאָזעס שפּילן־אויס זײער פרײד, זײער צער,
נאָר זײערע תפילות דער פריץ פאַרשװעכט —
ער איז איבער פעלדער און װעלדער דער האַר,
און פאַרשמײסט צום טויט זײנע אָרעמע קנעכט.

אַ פאַרעבאָק טרײבט אַרויס אויף דער פּאָזניע די פערד
צו צעדרעשן די תבואות פון שררה דעם הארבן
און קלאָגט, װאָס דעם אָרעמאַן איז באַשערט
פאַרן לעבן באַלױנט זײַן — מיט צרות און שטאַרבן.

די בעריאָזעס שפּילן — דער קלויסטער-גלאָק קלינגט,
צום טאַקט צעזינגען זיך די סאָלאָווייען;
און וואַניע, דער אָרעמער פּאַרעבאָק, הינקט,
און לערנט די שקאַפּעס אַ וואַלס זיך דרייען.

ער נעמט די קאָבילעס דעם וואַלס פּאַרטייטשן:
שפּאַנט זיי איין אין אַ דראָנג און ציט די לייצעס,
זיי דרייען זיך אין אַ קאַראַהאָד — און זיינע בייטשן
פּייפן אויף זייערע מאָגערע פּלייצעס.

די פערדעלעך טאַנצן גיך און היציק,
דער דעמבענער פּלאָקן אויף זייערע פעלן —
איז דעם אָנטרייבערס כליפּיקער סמיטשיק,
און זייערע רוקנס — זיינע וויאָלאָנטשעלן.

די גלעקלעך אויף זייערע העלדזער — זיין האַרפע,
— היי, וויאָ, וויאָ, טענצערינס, אָדלערינס פלינקע —
סקריפּעט אונטער די דרעשמאַשין די שאַרפע —
דעם פּאַרעבאָקס בלויע קאַטערינקע.

— וויאָ, וויאָ, פערדעלעך, זשוואַוער, זשוואַוער,
טאַנצט! דערפילן כ'וועל אייערע טרוימען,
עס וועט אייך באַלוינען דער פּריץ דער בראַווער
אייך שענקען מתנות — נייע צוימען!

ער וועט קויפן ברעזענטן אייך, ווארעמע שאַלן
און שלייעס נייע קוטאַשן בונטע
און חתונות פּראַווען פאַר אייך אין די שטאַלן,
אייך פּאַרקנסן מיט שיינע אָגערעס געזונטע!

וויאַ, נאַריש לאַשעקל, הויב-אונטער אַ פּיסל,
ער וועט שענקען דיר פּאַדקאָוועס — נייע פּאַנטאָפּלעס,
אויף דיין שוועסטערס חופּה וועסטו פון אַ שיסל
פּרעסן פּאַרפּראַרענע זיסע קאַרטאָפּלעס!

— וואָס שטייסטו, בלינדע קליאַטשע, זאָג!
וויאָ, וויאָ, טאַנץ, דיין באַלעבאָס דער גראָבער
וועט פאַר דיין שווערער פּראַצע און פּלאָג
דיר צוגרייטן אַ מאָלצייט מיט גילדענעם האָבער!

— היי, וויאָ, וויאָ! — נעמט דער פּאַרעבאָק שרייען —
איר פּאַרשאָלטענע פּאַדלעס, נישט אונטערהינקען;
איר וועט פּרעסן אויף סוואַטבע אַ קאַשע פון קלייען,
און מיט עמערס ברונען-וואַסער פּאַרטרינקען!

— וויאָ, וויאָ, שיינע כלות, פּריצישע טעכטער,
לערנט זיך טאַנצן — וועט אייך נישט שווינדלען די קעפּ;
אויב נישט — וועט אייער האַר דער שלעכטער —
פאַר מיר פלעכטן אַ פּעטליע פון אייערע צעפּ!

— וויאָ, שטיי נישט, שקאַפּע, דו אַלטער נאַר,
קערנער אַ באַרג נאָך אין סאַראַי פּאַראַן איז,
אויב דו וועסט נישט דרעשן, וועט דער האָספּאָדאַר
אונדז געבן אַ וועטשערע פון טאַראַקאַנעס!

— וויאָ, נישט קאַפּריזע זיך, טויבע קאָבילע,
טאַנץ! אויב נישט — קאַטעווע איך דיך ביז בלוט!
צוליב דיין עקשנות וועט חס-וחלילה
דער פּריץ אַרויסטרייבן מיך פון זיין גוט!

— וויאַ, כ׳וועל מוזן זיך אַ טאָרבע אויפשטשאַבען,
אויסשטרעקן אַ האַנט פאַר מיין שוועסטערל, דער חסר-דעה.
וויאַ, קאָבילקעלעד, איר וועט חתנימלעך האָבן...
טפרר... פאַל נישט, פגירה, צעריים נישט דיין נייאינקע שלייע!

— וויאַ, איך וועל איבער די דערפעלעך בראָדזשיען,
צו דערנערן מיין מאַמען, די בלינדע זקנה;
און מיין ווייבל דעם פריצם בייסטרוקלעך וועט פלאָדזיען...
טפרר... פאַלט נישט, קינדערלעך... טייערע... שיינע...

— כ׳וועל די הענט אָפּהאַקן זיך, איידער צו מענטשן זיך קלאַניען!
וויאַ, פערדעלעך, כ׳בין אויך אַ פערד ביי די גראַפן...
זיי רייטן אויף בעלער אויפן קארק פון וואַניען;
וויאַ, קאָבילעס, פאָלגט אייער אָרעמען ברודער דעם שלאַפן!

— וויאַ, וויאַ, פערדעלעך, ווי אונדז און ביטער!...
נאָר ס׳פאַלן טויט די טענצערינס אין קאַראַהאָד,
די סטעזשקע — דעם שליאַכס לאָמע האַנט טוט אַ ציטער,
און ס׳לעשט-אויס זיך זיין פּיפּקע — די דאָרפישע באָד.

אַ קרעכץ געטאָן האָט אויך דער טאָג דער ווייסער.
דער נביא פון פיין פונעם קרייץ איז אַראָפּ —
צו טרייסטן דעם אָרעמען פערד-אַנשמייסער,
וואָס יאָמערט און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ.

עם בליפען די ווערבעס אויף סאַזשלקעס-תחינות,
עם קלאָגט דער קאַנאַריק, די שוואַלב און די בין;
דער פאַרעבאָק קניט פאַר זיינע באַלערינעס
און פאַר זיין קאַטערינקע — די דרעשמאַשין.

ער פלעכט זיך אַ פּעטליע פון פערדישע גריוועס;
איבער אים הענגט דער מולד, דער קאַלטער קינזשאַל;
די נאַכט שלייכט אַרויס פונעם טאָל מיט עניוות
און שפּילט אויף אַ פידל — אַ גילדענעם קוואַל.

ער הויבט אויף די הענט, צוויי ברעניקע שטורקאַצן,
צינדט־אָן אין אין־סוף די ליטווישע שטערן
און אין די סטאַדאָלעס, די שטרויענע פּאַלאַצן —
וואַרטן די אָגערעס, די קאַוואַלערן.

אין ציטריקן שאָרך פון די ווייטע שאַסייען —
זיי הירזשען און קושן אַ קאָבילעס לייצע;
צום טייך לויפט דער פאַרעבאַק און זיינע ווייען
פאַרטראָגן די כוואַליעס פון ניעמאַן — און יוצא!

— — — — — — — — — — — —

אויף די פאַריתומטע פליינען הינט נעמען וואָיען,
און מיט זייערע קאַלטע בייזע ציינער
שפּילן זיי לידער פון הונגער און שגעון
אויף די פייפיאַלן — די פערדישע ביינער.

די בעריאָזעס האָבן אין די כמאַרעס — רידיקולן —
די שקיעה־שטראַלן — זייערע שמינקע־בלייערס באַהאַלטן,
און מיט אָוונט־שאָטנס — זיידענע טיולן —
פאַרשטעלט זיך פאַר צער די שיינע געשטאַלטן.

עס וויינען בעריאָזקעלעך נאָך די קאָבילעס,
אַ טרויער־מאַרש שפּילן זיי אויפן קלאַוויר —
אין די ליטווישע נעכט שוועבן זייערע תפילות —
די סומנע קלאַנגען פון דעם מאָנאַסטיר.

דער אַלטער ווינט און דער יונגער ווינט

א

אין גרינעם שלאָס — דעם יידישן בית־עלמין,
ביי אַן איינגעפאַלענעם מצבה־שטיין,
קרעכצט דער אַלטער ווינט, דער בייזער אַלמן
און טרינקט שאַמפּאַניער — אַ מאַמעס געוויין.

זיין גאָלדענער שטול — דער קבר פון ליים איז
און ווערים־לאַקשן אויף אָנבייסן ער פרעסט;
און ס׳שפּילן די פלייטן — עס קלאָגן די יתומות,
וואָס קומען אויף קבר־אבות צו געסט.

דער געוויטער אין מאַכיק פּאַטעל לענט זיך אָן
און האָרכט דער ווינטער אלמנה׳ס יללה,
אויף איר כליפּענדיקן באַריטאָן
זי גיסט פאַר אים אוים איר פינצטערע דאַליע.

דער אַלטער ווינט טוט אַ זונג בגילופין
און שיקט זיין פלינקן משרת — דעם זשוק,
ער זאָל צו דעם הייליקן מאַלצייט רופן
דעם יונגן ווינטעלע, דעם בייסטרוק.

פלאַטערט דער זשוק פון בית־עלמין אַרוים,
יאָגט־אָן דאָס ווינטל אין בלומען־גאָרטן,
ער צערטלט אַ פריילין — אַ רויטע רויז
און שפּילט מיט איר אין שטראַלן־קאָרטן.

דער אַלטער ווינט איז אַ כעסן, אַ למדן,
דער יונגער — דינט ביים פרילינג אין קאַוואַלעריע,
הויבט-אויף דער געוויטער אַ וואָלקן זאַמדן
און פליט אין קלוב — אין אָראַנזשעריע.

דער יונגער ווינט טוט די גאָלדענע קאָרטן אַ טאַש,
פאַרטיילט זיי צווישן די שלאַנקע פרינצעסינס, די בלומען,
און פון בלויען פאַנטאַן — זיין קרישטאָלענער פלאַש —
באַשפּריצט ער די דאַמען מיט פּאַרפומען.

דער הולטאַי שפּילט אין אַן איינאונצוואַנציק
און פאַרלירט דעם זונאויפגאַנג ביי דעם טולפּאַן,
נאָר פלוצעם ווערן די אויגן גלאַנציק
ביי דער קיניגין — דער ווייסער שוואַן.

עס וויינט די שוואַן, זי זיפצעט און זי שרייט
און פאַרברעכט אין ווי די פליגל,
דער אַלטער וויכער אויף אַ וואָלקן רייט
אַרויס פון דנאָ פון וואַסער-שפּיגל.

ב

דאָס ווינטל האָט דעם באַגינען געשטעלט אין קאָן,
ווען עס איז אָנגעפלויגן דער געוויטער,
און די ציגיינערין — דער רויטער מאָן —
פאַר זיין דוך געגעבן האָט אַ ציטער.

די רויז פון שפינוועבס האָט דעם בלויען שלייער
אָנטהילט פון אירע בלאָנדע לאָקן
און די בינען האָבן אויף די האָניק-אייער
פון ווינט פאַרכאָוועט זיך אין בלינדע שטאָקן.

און זייערע גאָט־געזאַלבטע אָרעאָלן
די מאַרגאַריטקעס האָבן פון די קרוינען
פאַרהילט אונטער די פאַראַסאָלן
פון די מאַי־גלעקלעך — די מאַנצפאַרשוינען.

און פאַר די צאַרטע בלומענסוועגן,
האָבן מחנות׳ווייז אין גלייכע רייען
דעם אַלטן ווינט מאַרשירט אַנטקעגן
די זעלנער קליינינקע — די מוראַווייען.

וועןביידע ווינטן זיינען אַרוים אין אַ דועל,
האָט די פרומע נאַרצים געכליפּעט אין פּאַניק,
געזיפצט, וואָס פאַר פחד געוואָרן איז געל
די באַרמהאַרציקע שוועסטער — די רומיאַנעק.

ס׳האָט געפליסטערט דער זונרויז — דער הויכער פּאַסטער
אַ שפּרוך פאַרן ווינטעלע, דעם דאָן־זשואַן,
און די פּרינצעסין, די ליליע, האָט איר לייב פון אַלבאַסטער
פאַרהילט מיטן נעפּל — דעם בלויען פאַראַוואַן.

די רויטע מאָן האָט זיך די שוואַרצע האָר פון קאָפּ געפליקט,
דער ווינט — געפּאַליעט פון איר זיידן קלייד די וועלן.
און די דאָרפסמוידן — די געאָרגינעס האָבן זיך געשטיקט
מיט טויפעדים — די גרינע קרענץ קאַרעלן.

די נעלקן האָבן די שפּינען אויסגעטאָן — די אויערינגען,
ס׳האָבן געחלשט די כריזאַנטעמעס, די בלייכע כלות,
און זייערע חתנים, די ווייסע שמעטערלינגען,
האָבן זיי געמינטערט, אונטערגעהאַלטן ביי די טאַליעס.

די בלויע פאַרגעס-מיך-נישט האָט דער געוויטער געשענדט,
צעפליקט איר פליושן מאַנטעלע דעם פיאָלעטן,
און ביי די פיאַלקעס אַראָפּגעריסן פון די בלעטער, די הענט —
די ראָסע — זייערע גאָלדענע בראַנזאָלעטן.

דער אַלטער ווינט איז דעם יונגן פון הינטן באַפאַלן,
און איידער דער שילוע האָט געשטעלט זיך אַנטקעגן —
האָט ער צעריסן זיינע טאַליעס קאָרטן — די שטראַלן
און געשמיסן זיינע דאַמען מיטן שלאַקסרעגן.

דער געוויטער האָט אַראָפּגעפליקט אַ שטרויענעם דאַך...
נאָר דעם בליץ — זיין גאָלדענעם שאַרפן מעסער —
האָט דער יונגער אַראָפּגעלאָזן מיט אַ ראָזמאַך
אויף זיין טאַטן, דעם אַלטן ווינט, דעם פרעסער.

אַ צעמזיקטער איז דער געוויטער זיך ראַטעווען געפלויגן,
זיך אָוועקגעלייגט אָפּרוען אויף אַ צעפּוילטער סטאָדאָלע,
דעם לילאָוון רעגנבויגן אַרויסגעצויגן
פון הינטער אַ כמאַרע — זיין צעשפּילעטער פאַלע.

און ראַפּטעם האָט אַ שוואַרצע סאָווע —
ווי אַ פייל פון זיין בויגן געטאָן אַ פלי,
דאָס פאַרוואונדעטע ווינטל האָט געגעבן אַ ראָווע —
און די פירשטין, די רויז, איז געפאַלן פאַר אים אויף די קני.

דער שילוע איז פון קלאַפּ געוואָרן בלינד...
און מיט וואָלקנס-באַנדאַזשן פאַרוויקלען די מימאָזן
דעם אָוונטשיין — דאָס בלוט וואָס רינט
פון האָריזאָנט — זיין שיינעם פּנים דעם ראָזן.

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

און אין זיין שלאָס — דעם יידישן בית־עלמין,
ביי אַן איינגעפאַלענעם מצבה־שטיין
קרעכצט זיין טאַטע, דער אַלטער ווינט, דער אַלמן
און טרינקט שאַמפּאַניער — אַ מאַמעס געוויין.

זיין גאָלדענער שטול — דער קבר פון ליים איז,
און זיין מאַלצייט — ווערים — פרעסט ער,
נאָר ער הערט נישט די יללות פון די יתומות —
דעם סימפאָנישן אָרקעסטער.

ער הערט נישט דעם יתומל'ס קול — דעם קלאַרנעט...
דער געוויטער איז אויף אייביק פאַרבליבן אַ טויבער,
ווייל מיטן דונער, זיין פיסטאָלעט —
האָט אים איבערגעשראָקן דער יונגער רויבער.

ג

דער יונגער ווינט, דער ציגיינער, דער הולטאַי,
שפּילט כסדר מיט די בלומען אין אַן איינאונצוואַנציק,
נאָר דער אַלטער ווינט האָט אומשולדיקע ווייבער דריי
צום טויט פאַרשמיסן מיט זיין אייזן־קאַנטשיק.

זיין ערשטער ווייב — דער נידעריקער ווערבע דער צדקנית,
האָט דער געוויטער דעם קרומען קאָפּ צעשפּאָלטן,
הלמאי ס'האָבן די זלידנע פליי, די וואָראָנעס,
געוועבט אַ נעסט — אַ פאַרך ביי איר אין קאָלטן.

נאָכן טויט פון דער ווערבע, דער האָרבאַטער יידענע,
האָט דער גזלן אויך זיינע קליינינקע קינדער פאַרשמיסן —
די קוסטעלעך — אירע יתומות די בידענע,
פון זייער געבורטסאָרט — פון פעלד אַרויסגעריסן.

דער טיראַן האָט זיי אין אַ ווייטן דאָרף פֿאַרטראָגן,
און איז מיט די יונגינקע מיידעלעך געווען מזנה.
נאָר אַ פֿויערטע האָט אויף די ביימעלעך רחמנות געקראָגן —
און זיי פֿאַרפֿלאַנצט אין איר גאָרטן אויף האַדעוואַניע.

דער טשערעשניכע — זיין צווייטער יונגער אישה
האָט דער רוצח סתם אַזוי איבערגעבראָכן די ריפּן,
און נאָכהער אויסגעזויגן דעם זאַפֿט פֿון אירע זיסע,
תאווה׳דיקע, רויטע ליפּן.

די יתומות, וואָס זיינען נאָכן קאַרשנבוים געבליבן,
אַרויסגעפּליקט האָט דער געוויטער פֿון סאַד,
די חנוודיקע מאַלינעס-ביימעלעך פֿאַרטריבן
אין גלות, אין אַ ווייטער פֿרעמדער שטאָט.

די פֿאַרעטשקע-שוועסטערלעך האָט דער טאַטע געשלאָגן,
אויסגעצאַפּט פֿון זייערע בעקעלעך דאָס ראָזע בלוט;
נאָר אַ הויזוועכטער האָט אויף די יתומה׳לעך רחמנות געקראָגן
און זיי פֿאַרזעצט אין אַ שטיינערנעם הויף — אַ פּריווט.

ביי זיין דריטער ווייב — דער ווינטמיל, דער עקרה,
האָט דער געוויטער די פֿליגלען — אירע הענט — אויסגעדרייט,
ווייל די שלאַנג האָט אויף זיין פּלוניתטע גערעדט לשון-הרע,
אַז מיטן יונגן ווינט אַ ליבע זי פֿירט שטילערהייט.

— — — — — — — — — — — — —

פֿאַרבליבן אַן אלמן, האָט דער געוויטער, דער רשע,
זיך געשדכנט צו דער יונגער פֿאַניכע — דער גריקע.
— און חוצדעם — פֿאַרטרויט פֿאַרן שליאַך די הויכע בעריאָזע —
אַז מיט די טייכן — די קריסטינס ער לעבט בשתיקא.

למשל, די אַזיערע — די בלאָנדע ווייסרוסין,
איז אויך אַ געליבטע פון שיכורן ווינט דעם אַלטן —
ער לעבט דערוויִיל מיט איר אָן חופּה־וקדושין,
און זי האָט אירע ממזרימלעך — די פיש — באַהאַלטן.

זי טראָגט מיט פרייד איר פולן טרערנקרוג
און האָט צו דעם הייליקן רבין חלילה נישט קיין תביעה;
נאָר דער יונגער ווינט, דער צעלאָזענער בייסטרוק,
ליבט זיך אין דער ליטווישער קיניגין — דער ווילִיע.

אויך ביי דעם גערשטנפעלד נעכטיקט דער ווינט,
און דער געוויטער האָט אויף זיין זון נישט קיין דעה,
ווייל ער איז געבוירן דורך זיינער אַ זינד
מיט דער משוגענער וועדמע, דער זאַווייע.

די ווילדע מעצעלעצע האָט פאַרן זקן
זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בעטלערין פאַריקן ווינטער,
צעלאָזט פאַרן אַלמן אירע גאָלדענע לאָקן
און אים פאַרנאַרט אין איר פאַלאַץ — דעם צווינטער.

די מכשפה האָט אים אירע היפטן אַנטבלויזט,
און דער געוויטער נישט בייגעשטאַנען איז דעם נסיון...
ביז אין איר ניקלנער בעט — דעם פאַרפרוירענעם רויסט —
האָט זי אים געבוירן אַ זונדעלע אַ בלויען.

אין וויגעלע — אין ראָוו ביים פאַרווייטן שאָסיי
איז דאָס ווינטעלע, איר זויגלינג איינגעשלאָפן.
דאָס האָט אים אונטערגעוואָרפן אַפּנים די זמיי,
און איז צום שטורעם — איר רוסישן מאַן אַנטלאָפן.

ד

דער רוס — דער שטורעם פירט־אַן מיט אַ שיף,
די זאַווייע איז מיט אים אַנטרונען איבער ווייטע ימען;
און אויף די הימלען גרויע רויכן־בריף
פלעגט דאָס ווינטעלע נאָר קריגן פון זיין מאַמען.

זי האָט געשריבן, אַז די הייסע פייער־פונקען
איז ס׳געווען פון איר וואונדיק האַרץ, וואָס טריפט;
דאָס ווינטל האָט דער מוטערס טרערן איינגעשלונגען
און געקושט אירע אותיות פון בלאָען שריפט.

די זאַווייע פלעגט גריסן זיינע כלות, די קווייטן,
און שיקן דעם זון צומאָל אויך אַ געשאַנק:
מילכוועגן, בלויע, זילבערנע קייטן
און אַ גאָלדן זייגערל — דעם זונאויפגאַנג.

זי פלעגט אים גריסן פון דער זאַווערוכע, זיין מומען,
און פון פראָסט, זיין אַלטן, סיוון זיידן,
וואָס וואַרט, אַז זיין אייניקל זאָל זוכה־זיין קומען
צו אים אין צפון־לאַנד, אין דעם גן־עדן.

זיין זיידע, דער פראָסט איז אַ שטאָלצער קעניג,
ער זיצט אויפן צפון־פּאָל, זיין זילבערנעם טראָן,
די ווייסע בערן זיינען אים אונטערטעניק
און היטן אַלאַסקאַ — זייער מלכס סאַלאָן.

ער הויערט אין אייז־בלויען שלאָס פון קרישטאָל,
עס שימערט די שקיעה, די קרוין אויף זיין קאָפּ,
און די לבנה, דער גאָלדענער זשיראַנדאָל,
הענגט פון סאַפּירענעם באַלקן אַראָפּ.

דער זיידע וועט בענטשן זיין אייניקלס זאָמען,
אים אָפּגעבן זיין קיניגרייך — סיביר.
און דער שטורעם, דער שיפסקאַפּיטאַן פון תהומען,
וועט אויף זיין שיף אים קרוינען פאַר זיין קאָמאַנדיר.

זי פלעגט שרייבן, ער זאָל איר נישט אָנטאָן קיין צער,
און ירשענען דעם זיידנס מדינות און גיטער;
דאָרט וועלן אים זאָלבן פאַר זייער האַר
די שניי־מלכות אין טראַכט פון יופּיטער.

זי פלעגט שרייבן, איר זון זאָל דערפילן איר ביטע,
וועט ער אויך איבער אַזיע ווערן אַ גענעראַל,
נאָר אויב איר קינד וויל אַ בעטלער פאַרבלייבן אין ליטע —
זאָל ער זיך בעסער אויפהענגען אויף אַ לבנה־שטראַל.

דער יונגער ווינט האָט נישט געפאָלגט זיין מוטער,
און ביז היינט פאַרבליבן אין ליטע, אין גלות,
נישט פאַרלאָזט זיין געבורטסאָרט, דעם שטילן כוטער
און זיינע נאַכטלעגערס, די סומנע סטאַדאָלעס.

ער פלעגט אין וואַנט פון כוטער אויסשניצן אַ שפּאַרע,
זיין פיין, זיין עלנט דאָרט אַריינגעבלאָזן,
און אויף די פלאַנקען־דראָטן, זיין גיטאַרע —
געוויינט נאָך דער מאַמען, וואָס האָט אים פאַרלאָזן.

ער האָט מיט בייזע רוחות זיך צונויפגעפאַרט,
פאַר ווי אויסגעזופּט די ברינימער, די לאָגלען ליקער,
און אין זיין מאַיאָנטעק, אויפן הייליק אָרט —
האָט אויך געהוליעט זיין טאַטע, דער שיכור.

עס פלעגט אין קאָרטן שפּילן דער אַלטער געוויטער,
אויך זיין זון געוואָרן איז אַ קאָרטנשפּילער,
און די מאָהילניקעס — זיין מאַמעס גיטער —
האָט פאַרשפּילט ביי זיין רבין דער יונגער שילער.

אָ, ער האָט נישט געוואָלט ווערן דער קיסר פון סיביר,
און זיין טאַטע האָט אים גענומען לערנען שטאַט,
אַרויסגעיאָגט פון בית־עלמין, פון זיין קוואַרטיר,
און ס׳ווינטל האָט פאַרשטאַנען דעם מלמדס טיפן פּשט.

ער פאַרלוירן האָט זיין מוטערס הויז,
פאַר נויט, נעבעך, געוואָרן איז ער אַ שאַרלאַטאַן;
געגעכטיקט ביי דער שיינער מויד, דער רויטער רויז,
אויפן בייט — איר גרינעם פּליושענעם דיוואַן.

ביי דער וואַסער־ליליע האָט דער ווינט דער ראָזער
פאַרשפּילט די וועסנעס, וואָס זי פלעגט אים וועבן,
און אויפן מאָרגנשטערן — זיין מזלדיקן קאָזער —
געשטעלט אין קאָן זיין יונגן לעבן.

ער פאַרלוירן האָט דעם מולד, זיין קמיע,
זיין גאָלדן זייגערל — דעם זונאויפגאַנג,
און פאַר בענקשאַפט נאָך דער מאַמען דער זאַווייע —
פאַרשפּילט אין קאָרטן זיין געזאַנג.

ביי זיין טאַטן, דעם אַכזר, האָט דער הולטאַי
פאַרשפּילט דעם מילכוועג, זיין זילבערנע קייט;
נאָר דער אַלטער ווינט האָט אומשולדיקע ווייבער דריי
מיט זיין אייזן־קאַנטשיק פאַרשמיסן אויף טויט.

ה

— איצט וויל דער אַלטער אַ פּערטן מאָל אַ חופּה שטעלן —
פּלאַפּלט פאַרן ראָב דער שדכן, דער קאַרשון —
דעם געוויטער איז די גראָבע ליפּע געפעלן,
נאָר זי איז גאָר פאַרליבט אין זיין יונגן זון.

פאַר כעס שלאָגט דער אַלטער זיין קינד, ער זאָל
נישט קריכן צו דער קאָנישינע — דער צעלאָזענער קריסטין,
נאָר דאָס ווינטל שפּילט אויפן קוואַל, זיין פייפיאָל
און צערטלט דער יונגפרוים לילאָווע בריסטן.

די מכשפה, די זשאַבע, האָט פאַר גריזאָטע
געוואָלט דעם יונגן ווינט איינשלינגען:
ער זאָל היטן די קאָנישינע, זי איז אַ קאָקאָטע,
זי ליבט זיך מיט די בינען און שמעטערלינגען.

צו דער מכשפהס עצה זיך צוגעהאָרכט האָט ער:
דעם דונער, זיין פיסטאָלעט אָנגעלאָדן מיט שרויט,
דערהרגעט דאָס פלאַטערל און דעם בין, דעם טל־ומטר
און חתונה געהאַט מיט דער באַרעדטער מויד.

נאָר אויב זיין ווייבל וועט פון אַלמן צערטלען זיך לאָזן,
וועט ער מיטן בליץ, זיין גאָלדענעם קינזשאַל דעם שאַרפן —
צעפּערטלען איר זינדיקן גוף דעם ראָזן
און פאַרן אַלטן ווינט אים וואַרפן!...

1938

דער שליאך דערציילט א מעשה

דאָס נוסבוימל איז געוואַקסן, זיך געהאָדעוועט
ביים שליאך — זיין גוטמוטיקן, געלן זיידן;
עס רייט אַ רייטער — און ס׳דערהערט דער פּאָעט,
ווי דער וועג צום איינִיקל זיינעם נעמט ריידן.

דער ריטער — דער פאַרנאַכט פאָרט אַדורך די געגנט,
און יאָגט די וואָלקנס — זיינע פערדעלעך ווייסע,
סע טופּען זייערע טריט — עס דונערט און רעגנט —
דאָס דערציילט דער שליאך דעם נוסבוימל אַ מעשה:

„— אַמאָל געווען איז אַ וואַנדערער ביי אונדז אין מדינה,
אַ שאָף, וואָס האָט זיך פּאַר אַ מענטשן פאַרשטעלט,
ער האָט געשפּילט אויף זיין האַרץ — דער מאַנדאָלינע,
און מיר האָבן צוזאַמען געבלאָנדזשעט אין דער וועלט.

דער יונגער גייער האָט געהייסן אלקנה,
און נישט געהאַט קיין חבר און קיין פריינט,
האָט ער איינמאָל געפרעגט ביי דער שווארצער וואראָנע:
— צי עס איז אמת, אַז די זון שיינט?

די וואָראָנע האָט געענטפערט: אַז ס׳איז אַ ליגן,
די גליקלעכע האָבן די זון אויסגעקלערט.
האָט אלקנה געפרעגט ביי די ווייסע ציגן:
— צי עס איז זיי גוט צו לעבן אויף דער ערד?

די ציגן האָבן געענטפערט: ס׳איז נישט גוט,
מע גיט אונדז נישט עסן, און מע מעלקט אונדז מיט גוואַלד,
אלקנה, אויך דו ביסט פון פלייש און בלוט
און וועסט אינגיכן ווערן גרוי און אַלט.

אלקנה האָט דעם קאָפּ צום פעלד אַראָפּגעלאָזן:
— צי איז פאַראַן פריינדשאַפט אויף דער ערד? —
האָט ער געפרעגט ביי די בלומען און די גראָזן,
נאָר קיין ענטפער — פון זיי נישט געהערט.

דערנאָך האָט אלקנה באַגעגנט אַ פערד אין שפּאַן
און אים געהאָלפן שלעפן די פור מיט בעטאָן;
— צי איז יושר אויף דער וועלט פאַראַן? —
האָט דער גייער ביים האָרעפּאַשניק אַ פרעג געטאָן.

— יושר פאַראַן איז נאָר פאַר דער סטאַדאָלע,
אָבער אונדז בעלי־חיימלעך איז שלעכט.
מיך טרייבט און שמייסט דער בעל־עגלה,
נאָר איך ווייס, אַז ער אַליין איז אויך אַ קנעכט.

האָט אלקנה געפרעגט ביי דעם געלן קאַנאַרעק:
— צי איז פאַראַן פרייהייט אויף דער ערד? —
דער קאַנאַרעק האָט זיך געשטעלט ביי דעם מענטש אויפן קאַרעק
און געקלאָגט: — מסתמא זיינען מיר עס נישט ווערט.

מיין ברודער ליגט אין שטייג פאַרשפּאַרט,
און דיך וועט מען אויך אין אָסטראָגן פאַרריגלען,
אלקנה, מען האָט אונדז אָפּגענאַרט,
ס׳איז שלעכט אפילו די, וואָס האָבן פליגלען.

האָט אלקנה געפרעגט ביי דעם הוימלאָזן הונט:
— צי איז גערעכטיקייט פאַראַן אויף דער ערד?
און צי האָט ער אַ ווייב? צי איז ער זאַט און געזונט? —
און זאָל ער אים זאָגן, וואָס ער באַגערט.

— כ'האָב נישט קיין רו פאַר מיינע קראַנקע גלידער,
מיין ווייב און קינדער האָבן די היצלעס געטויט,
און די וועלף, מיינע פאַרשטויסענע ברידער —
זיינען גנבים, גזלנים געוואָרן פאַר נויט.

זיי צערייסן אומשולדיקע לעמער און קינדער,
און באַצאָלן מיט זייער לעבן סוף־כל־סוף,
נאָר די, וועלכע משפּטן די אָרעמע זינדער —
וועלן אַמאָל אויך באַקומען זייער שטראָף.

מיינע ברידער ווייסן נישט, אַז זייער זינד איז גרויס,
אָבער די זינד פון זייערע ריכטער זיינען גרעסער,
זיי פראַוועון מאָלצייטן, און פרעסן פלייש
פון אָקסן — וועלכע זיי קוילענען מיט אַ מעסער.

זאָל זיין, אַז מיינע ברידער משפּט מען פאַר זינד,
נאָר פאַרוואָס האָסט מען מיך, אלקנה, זאָג פאַרוואָס? —
אפשר דערפאַר, ווייל כ'האָב צו ערלעך אים געדינט,
האָט מיך פון זיין שטוב אַרויסגעיאָגט דער באַלעבאָס?

איז איצט מיין איינציקער טרוים און באַגער,
אַז מען זאָל מיך רואיק לאָזן וואַנדלען;
און די, וועלכע שלאָגן מיך מיט שטעקענער,
זאָלן אין אַ הוימלאָזן הונט זיך אליין פאַרוואַנדלען! —

האָט אלקנה געפרעגט ביי די גרויע טויבן:
— צי איז כאָטש ליבע אויף דער וועלט פאַראַן? —
און צי קען מען די פרויען גלויבן?
און צי מעג מען טרויען אַ מאַן? —

— גלויב אין די פרויען, אלקנה גוטער,
אויף דער וועלט איז פאַראַן אי ליבע, אי זינד,
זיי ווייסן, יעדע פרוי וויל זיין אַ מוטער,
און יעדער מאַן וויל זיין אַ קינד.

די טויבן האָבן געענטפערט און געטאָן אַ פלי,
זיך אַנגעהאַנגען אויף אלקנה׳ס ברוסט;
דער וואַנדערער איז געפאַלן פאַר זיי אויף די קני,
און זיי אין די רויטע שנעבעלעך געקושט.

נאָר דערנאָך האָט אלקנה באַגעגנט אַ הון אַ פאַרלאָרענע,
איז זי געוועזן דאַרשטיק און הונגעריק,
דער גייער האָט אַרויסגענומען פון זיין טאָרבע אַ סקאָרענע,
און איר געפרעגט: — צי אויף דער וועלט איז פאַראַנען גליק?

— אַ שוחט איז דאָ — זאָגט די הון — זיי ווייסן,
ער האָט זיין חלף פאַר מיר אָנגעגרייט,
אלקנה, אויך דיך וועט מען אין קריג דערשיסן —
ס׳איז נישטאָ קיין אייביקייט און קיין פרייד.

אלקנה האָט זיך צעוויינט — און פון זיינע טרערן
האָט זיך אָנגעטרונקען די קלוגע עוף;
און דער וואַנדערער האָט זיך געבעטן ביי די שטערן —
זיי זאָלן אים אַרויפנעמען צו דעם אין־סוף.

האָבן די שטערן געענטפערט: — פאַרוואָרף אַ שטריק,
קריך אַרויף צו אונדז און ווער אונדזער האַר,
גאָט — אונדזער פאָטער — איז געפאַלן אין קריג,
אונדזער מאַמע — די לבנה, וויינט אויף איר צער.

דער גייער האָט אַ פּלי געטאָן צום האָריזאָנט,
אַ פאַל געטאָן צוריק, זיך צעקלאַפּט אין אַ שטיין,
גאָט לעבט אייביק — אלקנה האָט דערקאָנט
אין זיינע ווונדן — גאָטס געוויין.

די שטערן — די ליגנער האָבן זיך אויסגעלאָשן,
איז אלקנה אַוועק צום טייך — און אַ כוואַליע
האָט געשעפּטשעט צו אים: — אָ, זיי מיין חתן —
און איך וועל זיין דיין טרייע כלה.

האָט אלקנה געזאָגט: — איך האָב דיך האָלט,
איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן.
און ער האָט איר אָנגעטאָן אַ קידושין־רינג פון גאָלד —
פון זונאויפגאַנג אַ שטראַל אַ ראָזן.

אלקנה האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער ווילֿיע,
די כוואַליע האָט מיט אָרעמס אים אַרומגענומען;
די פאַרליבטע יונגע פּאָר — האָט די שקיעה
באַשאָטן מיט רויטע שטראַלן־בלומען...“

***

דער פאַרנאַכט פאָרט איבער דער בלויער געגנט,
און יאָגט די וואָלקנס — זיינע פלינקע פערד;
עס טופּען זייערע טריט — עס דונערט און רעגנט —
דאָס רעדט דער וועג, און דאָס נוסבוימל הערט:

— מיר איז ליב צו זיין אַ שליאַך פון ליים,
אויך דיר, מיין אייניקל, איז וווּיל און גוט —
וואָס דו געבאָרן ביסט אַ פּראָסטער בוים,
און נישט קיין מענטש פון פלייש און בלוט.

1938

אַ שפּראַך אויף טאָג

נינע

דער טרויער פון רוסישער וועסנע
אין תהום פון מיין אויג פיבערט גלאַנציק;
מיטן טראַמוויי צווייאונצוואַנציק
צו דיר אײַל איך — אויף קראַסנאָפּרעסניע.

אין דיר האָב איך, שוועסטערל נינע,
די מלכה פון פרילינג דערקענט:
מיין סאָד, וואָס דער ווינט האָט געשענדט,
טוט־אָן דיינע קליידער די גרינע.

אין זיינע צווייגן די דינע —
דיין האַנט אויף מיין האַרץ איך דערפיל;
מיטן רויש פון אַ טייך אין אַפּריל —
עס הילכט מיין טראַמוויי דורך נעגלינע.

פון ליכט־דראָט בליצט־אויף יעדער ראָג —
די שטאָט אירע סטרונעס ציט־אָן
און שפּילט אויפן האַרף — מיין וואַגאָן —
אַ הימן דעם מאַאיקן טאָג.

די וויטן צעוויקלט אַ שינע,
איך בין ערשט פון פרילינג אַ שטראַל;
און פּושקין אויף זיין פּיעדעסטאַל
פאַרהילט מיך אין זיין פּעלערינע.

דער טרויער פון רוסישער וועסנע
אין תהום פון מיין אויג פיבערט גלאַנציק;
מיטן טראַמוויי צווייאונצוואַנציק
צו דיר אײַל איך — אויף קראַסנאָפּרעסניע.

ווען איך וועל אין שוואַרצן פאַרקליידט

ווען איך וועל אין שוואַרצן פאַרקליידט
באַטרעטן דיין היכל אַפילו,
אָ, שוועסטער, זאָלסטו פאַר מיין תפילה
זיינע טויערן עפענען ברייט.

אויב כ׳וועל דיין געלעגער נישט טיילן,
זאָל מיין געשפּענסט דיך דערמאָנען
דעם אַש פון פאַרברענטע מיליאָנען,
וואָס דרימלען אין מיינע פיר איילן.

פאַרנאַכט, ווען די שקיעה פון קריג
אין בלוטיקע ימען פאַרגייט —
דיינע צערטלעכע אָרעמס צעשפּרייט
צוקאָפּנס דער גרוב, ווו איך ליג.

איבער איר, אויף אַ פייערדיק פערד,
דורך תכלת־געוועב פון מיין שלאָף,
אין דעמערונג איז פון אין־סוף
אַ מלאך געפלויגן אויף דר׳ערד.

פאַרבויגן אויף שווערד פון נצחון
דאָס טונקל פאַראומערט געזיכט,
אין טוי פון פאַרלאָשענע ליכט —
די זילבערנע פליגל פאַרבראָכן.

און פון מיין האַרצן דעם שטויב
פאַרוואַנדלט אין גאָלדענע שטערן.
מיין אָונט־געבעט וועסטו הערן
אין וואָרקען פון איטלעכער טויב.

אַ שפּראָץ אויף טאָג

א

כ׳וועל נישט זינגען מער פון מײַנע אויסגעטרוימטע קאַרשנבוימער,
דער וועלט־העקער זיי אויסגעהאַקט האָט פון מײַן לײַבלעך ערד.
פון אויפגעברויזטן ניעמאַן וועל איך אויסגיסן אַ שווערד —
און זײַן פון שטערנסאָד דער וואַכער מאַרש און שומר.

כ׳וועל נישט זינגען מער פון מײַנע בליענדיקע פעלדער ווייצן,
דער נישטגוטער האָט מיט דערנער־צלמים זיי צעטראָטן;
אויף די מזרח־ווינטן וועל איך נאָכפליען זײַן ברוינעם שאָטן —
אויף די מילכוועגן צום טאָג פון אויסלייזונג — אים קרייצן!

כ׳וועל נישט זינגען מער פון מײַנע ווייסע סטאַדעס פּי,
דער שוחט האָט פאַרשניטן זיי פון מײַנע שירה־קוואַלן;
כ׳וועל אויפוועקן די מעלה־גירהס, דרײַ מאָל פאַר זיי כורעים פאַלן,
פון זייערע גילדענע הערנס — אויסשאַלן דעם אינדערפרי.

מײַנע גראָע שוואַלבן וועלן מער נישט לויכטן אין די ליבע־וויגן,
פון זייער מוטערס טרערן האָט די האַק מיט בלוט געלאַכט;
...די אייביקייט קאָן אירע עופהלעך אין כישוף־תהומען
נישט פאַרוויגן,
זיי האָבן אין מײַן הימן צו איר — מיט געזאַנגען — אויפגעוואַכט.

כ׳וועל נישט זינגען מער פון מײַנע יעדנאָסעלעם און בעריאָזעווע
כוטאָרן —
די מצבות אויפן מתים־שליאַך פון מײַן געקרייציקטן זכרון,
כ׳וועל דער טאָפּאָל־אָרון זײַן פון מײַן געקעפּטער עדה קאָרן,
און די בעז־וויג פון איר זון — וואָס איז אין שלאַכט געבאָרן.

מיין באַשערטע שטעטעלע וועט פּריטיק אויפדערנאַכט נישט
אָנצינדן קיין ליכט,
ס׳האָט דער קברן מיט אַ שפּיז די בלויע אויגן פון איר שבת
אויסגעשטאָכן,
און איך—איר זינגענדיק געוויסן און איר לעבעדיקער אינדערוואָכן—
בענטש די זון—וואָס איז פון איר פאַרשטערטן שבת—דאָס געריכט.

כ׳וועל נישט זינגען מער פון מיין פאַרלוירן גאָלדן קאָרנהיים,
די אונטערצינדער האָבן זי אין יי״ש און תאווה־נעכט פאַרברענט;
מיינע עלטער־זיידעס אויפגעשטאַנען זיינען פונעם שלאָף פון ליים,
און אינעם אַש פון זייער הייליק זרע — די ליידן פונעם טויט
דערקענט.

ב

איך בין פון מיין היים צוזאַמען מיט דער זון פאַרגאַנגען,
מיט מיין לאַנגן יוגנט־מעסער — דעם ווייסרוסישן שאָסיי —
פּראַל איך אויף צוריק די פלוימענגעגנט, ווו מיין ברודער
איז געהאַנגען,
און מיך רופט זיין ווידערקול — דער סאָלאָוויי.

מיין היימלאַז געגנט אויף אַ קבר זיצט נאָך אירע קינדער שבעה,
כ׳פאַרנעם אירע יללות — די וואָיענדיקע הינט אין ראָוו,
און די מיענטע־ריחות פון מיין ברודערס בליענדיקער גריוועו —
רייסן אויף פון פעלד די שפּורן פון זיין מערדערס זינד און שטראָף.

ברודער, זינג פון דר׳ערד מיר אויף דאָס בליענדיק געזאַנג פון גריקע,
כ׳זיץ ביי דיין צוקאָפּנס אויף אַן אָפּגעהאַקטן ווערבע־פּיען,
מיטן מזרח־ניגון פון וועלטס אויסגעלייזטן לעבן — איך פאַרברען
די דערנער־תליה — ווו דו ביסט אין שיין פאַרגאַנגען בנשיקה...

דיין תליה איז דעם תלינס האַרפע, און דאָס פלאַקסן־שטריק —
זיין סטרון,
נאָר דיין לעבן זיין דאָס קאָרנפעלד וועט, און די טייכן — דיין נגינה;
זינג מיר אויף פון דר׳ערד דאָס ליד פון גערטנער גרינע
און דיין רויזן־בענקשאַפט צו דעם שטערנסאַד און צו דער זון.

ברודער פעלד, בלי אויף פאַר מיר — אַ קאַרשנבוים אַ רויטער,
זיי מיין שוץ פון רעגן און מיין וועג צום זיג און שלום.
כ'טרינק פון דיינע טרערן-קרענעצעס, וואָס מאָנען, אַז איך זאָל אים,
דיין תלין נישט פאַרגעבן, ביז ער ליגן וועט צו דיינע פיס אַ טויטער!

ברודערל, פאַרגיב מיין טראָט, וואָס כליפּעט אויף דיין זינגענדיקער
רויזן-ליפּ,
די זינד פון אונדזער אָפּשיידונג — דורך קוואַלן ליבשאַפט —
מיר פאַרגיב;
דיין יונג-פאַרשניטן לעבן זיין דאָס אויפגייענדיק ליד וועט פון מיין דור,
וואָס פאַרזייט מיט קדושים זיינע טריט צו דעם קאַיאָר.

מיין דור גיסט-אויס אין שיין און שטאָל זיין פרייד און וויי,
זיין זון איז אויסגעלייט פון דורות פיין און בלוט און טרערן;
כ'וויל אַ טראָפּן טוי זיין אויף דיין גראָז-געלאָקטן שטערן,
און אויף דיין ליימיק גוף—די זילבער אויסגעפרעסטע העמד פון שניי.

ברודערל, מיין האַרץ דורך נעכט פון אייזן און פון בליי איך טראָג,
עס זאָל ליכטיק ווערן אונדזער מאַמעלען, דער ליטוויש ערד.
ס'האָט קענן טויט דער ניעמאַן אויפגעברויזט — איר בלויע שווערד
און גייט-אויף פאַר דער וועלט — אַ קלינגענדיקער שפּראָץ אויף טאָג.

אַלמאַ-אַטאַ, 1944

דער יונגער גאָט

אויף פֿאַנאַר, ביי ליכט פֿון שקיעה,
רוט אין אַש מיין טויטע שטאָט.
פֿון טומאַן, אַ יונגער גאָט —
שוועבט אין שוים פֿון דער ווילִיע.

זיין בלויער רייטוואָגן פֿון שטערן,
פֿון מילכוועג רוישט אויף יידיש־גאַס
און ס׳באַהויכט דער מערב־פּאַס
מיט פֿונקען זיין געקרוינטן שטערן.

ער הויבט־אויף פֿון שטויב איר שאַרבן,
פֿון די הוילע אויגן־לעכער
רינט־אוים די נאַכט — און איבער דעכער
שטראָמט אַ רעגנבויגנס פֿאַרבן.

אין געשפּאַן פֿון ווייסע שוואַנען
שטראַלן זיינע גאָלדנע לייצן,
סנאָפּעס ליכט דאָס גרוב פֿאַרפּלייצן,
וווּ מיין וויגל איז געשטאַנען.

כ׳בין געווען אַ פֿעלד מיט זאַנגען,
אַצינד בין איך — אַ ביינער־טאָל;
אין דער קאָסעם בלאַנק פֿון שטאָל —
אויף אייביק איז מיין זון פֿאַרגאַנגען.

ער גראָבט־אויף מיין פּרוכטבאַר צער,
פּראַלט־אויף מיין ליימיק האַרץ — און קניט
פאַר מיין ביינערדיקער ליד —
דער גרויער עדה אויף פאַנאַר.

ער וועקט מיט פאָרכט פון שלאָף די זין
און ווילנע — אונטער קייט און שווערד,
דורך בליץ און דונערן דערהערט —
ער לייענט פאַר איר תלין דעם פּסק־דין.

אויפן הימל שוואַלבן שורות
מיט געזאַנג זיין ליבשאַפט מעסטן,
איבער אָפּגעברענטע נעסטן
צווימשערן זיי זאַנפטע בשורות.

און די וועלט — אויף אַלע וועגן
איינגעהילט אין רויך פון טרויער,
דורך אַ רעגנבויגן־טויער —
שפּאַנט דעם יונגן גאָט אַנטקעגן.

1945

שמואל ראָסין

אין היימיש סטעפּ — דיין אָפּן בוך,
פאַר דיין טרייסטנדיקער האַרץ איך נידער.
דיין רויזן-קבר, וואָס איך זוך —
רוישט-אויף אין קוואַל פון דיינע לידער.

דאָס ליד פון ליבשאַפט — איז דיין גורל-שטראָם,
דו ביסט די ערד אונטערן גרינעם שפּאַן פון זיג;
האָסט מיט דיין לייב פאַרשטאָפּט דעם תהום —
צווישן וועסנע — און דעם קינד אין וויג.

דו ביסט אַוועק אין טונקעלער טראַנשיי,
אין טוי געשמאָלצן דיינע בלויע סטראָפן
פון אָוונטגאָלד — און אויפן ראָזן שניי
די זון איז אויפגעגאַנגען פון דיין וואָפן.

דו ביסט אַ דעמב געוועזן אין זון פון מי,
דיין שוואַלב — געפלאַטערט אויף דיין גוטער האַנט.
נאָר איצט, אין מאַי-באַגין, האָט זי,
דערקענט אין דיר — דאָס גאַנצע לאַנד.

דו ביסט אַוועק מיט וועלטס באַגער,
ס'זאָל ליכטיק זיין דיין קינד אַצינדער;
דיין הייליק בלוט, דיין טאָכטערס טרער —
לויכטן וועט פאַר אַלע קינדער.

1945

מיין דאָקטאָר אין ווייסן כאַלאַט

א

אָ, דאָקטאָר מיין, מאַריע וואַסיליעוונע הארץ,
מיין וויטאָג — די זון וועט אַליין דיר דערציילן,
נישט מיט גליוקאָז און מיט שטראַלן פון קוואַרץ
נאָר מיט דיין ליבשאַפט — מיין וווּנד קענסטו היילן.

דו האָסט מיך גענערט מיטן מילך פון דיין דיעטע,
ווען איך בין אין טרוים פון נירוואַנאַ געלעגן,
היינט ליג איך ווי גראָז אין דער וואַרשעווער געטאָ,
און כ'בינד איבער מיין וווּנד מיט די רוסישע וועגן.

דו האָסט מיך גענערט מיטן שיין פון דיין שטערן,
ער וועקט אויף מיין שטערן, וואָס דרימלט אין אַש.
אויף נאַכטמאָל טרינק איך זיינע וואַרעמע טרערן
פון ליימענעם לאָגל — די סטאַווקע־גאַס.

די ערד האָט פאַרבאָרגן זיין האַרץ אונטער ריגל
פון פינצטערן שטיין — דאָס געבאָט פונעם טויט;
די נאַכט אים פאַרוויגט מיטן פאָך פון איר פליגל,
דער הימל — דעם תכלית געוועבט פון זיין הויט.

ס'טוט ווי מיר די ערד, אירע ליידיקע שטיבער —
אָן דיין ליבשאַפט — די וועלט איז צו קליין;
כ'בין איינער אַליין נאָר פאַרבליבן פון ציבור —
ער איז דער שטערן איצט אונטערן שטיין.

ב

איך גיי קיין מאַידאַנעק די פעלדער אויפגרינען,
מיט ליכט, וואָס דו האָסט אָנגעפילט אין מיין בליק,
די ווייסל — מיין טרער, אין דיין שוים לאָז איך רינען,
דיין האַנט איבער איר — איז מיין אייזערנע בריק.

די וואַרעמע האַנט דיינע לויב איך און בענטש,
זי פירט מיך ערשט דורך דער בלויער ווייליע
און דורכגעפירט מיך דורך דעם טויטס רעזידענץ,
דורך זיין שוואַרצן, אָפענעם טויער — די תליה.

די תליה פון תלין — דעם בוימס איז פאַרשווועכער,
זיין שטריק איז געפלאָכטן פון קינדערשע דריזן.
נאָר אין לאַבאָראַטאָריע האָסטו אין אַ בעכער
געטראָגן מיין לעבנס-טרער אויף אַנאַליזן.

ווען דו האָסט פאַרהילט מיך אין אָרעמס פון ווענט,
ביי גסיסה פון טאָג אין מיין אויג זיך געשראָקן —
האָט ער לעבנס מיליאָנען אין פוילן פאַרברענט
און קישנס געשטאָפּט פון די מענטשלעכע לאָקן.

בעת דו האָסט געהיילט מיך מיט דיאַטערמיע,
געשלעפּט פאַר די האָר, ער די וועלט האָט צום גרוב
אונטער דיין זון און — איר פייניקערס שקיעה —
דערוואַכט זי, און צינדט-אָן אַ ליכט אין מיין שטוב.

ג

איך בענטש דיינע הענט, האָסט געמאָסטן מיט זיי
מיין וועג צו די שטערן דורך דיין טערמאָמעטער;
אין מיין שטאָם דעם פאַרדאַרטן דורך נאָדלען פון שניי
אַריינגעפלייצט פרילינג־זאַפט פון דיינע בלעטער.

מיין שלאַפקייט האָסטו מיט דיין שיינקייט גענערט,
אָ, שוועסטער געטרייע, האַלט אונטער מיין אָרעם —
עס טוט אַזוי וויי מיר דאָס שלעכטס פון דער ערד,
הייל־אוים מיט דער זון מיינע ווונדן — די קברים.

אַ גרוס דורך דער זון פון דיין שיינקייט איך ברענג
פאַר דער וועלט, וואָס קומט מיר אַ קראַנקע אַנטקעגן;
אָן דיין ליבשאַפט — די ערד איז צו ענג,
פאַרוויקל די ווונד מיינע מיט דיינע באַלזאַמע וועגן.

דיין זוניק כאַלאַט האָט דעם טאָג מיר פאַרביטן,
זיין זילבערנעם ניגון פון שיין וועל איך וועבן
אין שאָטן פון דורות, וואָס זיינען פאַרשניטן —
און טראָגן דורך יאָרן די ווייען פון לעבן.

אָ, מוטער געטרייע אין ווייסן כאַלאַט,
הייל־אוים די ווונד פון דער וועלט מיט דיין פרידן,
באַשיץ אויך מיין פאָלק, וועלכער איז נע־ונד,
און רוט אָפּ אויף קברים זיין קערפּער דעם מידן.

לאָדזש, נאָוועמבער 1946

קאַזאַכסטאַן

אַ, שאַרקאָווסטשיזנע, ליימיק היימלאַנד, דיסנער קרייז,
אַ גרוס דעם ברודער הירש און מיין פלימעניק מאיר;
איך בלי אין קאַזאַכסטאַן — אַ פעלד מיט רייז —
פאַרזייט מיט טרערן פון מיליאָנען זייער.

נישט פאַרגיין וועט, שטעטעלע, פון אויג דיינס דער באַגין,
אים פאַרשטעלט נאָר איצט די ברוינע ליקוי־חמה;
פון טויט פאַרטראָגן אירע היימלאָזע און קראַנקע זין —
הינטער הרי־חושך האָט אַ בלאָנדע מאַמע.

דורך מדבריות, טורקעסטאַן — אויף אירע פליגל
האָט זי, אין קלייד פון אַ דערבאַרעמדיקער שוועסטער —
אונדז געבראַכט אין האָניקלאַנד, פאַרפלאַנצט אין היגל,
און פאַרפלויגן מיט די אָדלערס פון די אַלאַ־טאַיער נעסטער.

ברודער, נאָר דעם מדבר דיין פאַרגיין טוט וויי,
ער קלאָגט נאָך דיר ביינאַכט מיט די פאַרצווייפלטע שאָקאַלן;
אויף די אַלאַ־טאַיער בערג — די אייביקייט דערוואַכט פון שניי —
און קלינגט איר וויטאָג אוים אויף טיפע זילבער־קוואַלן.

דער אַלאַ־טאַי, ער שפילט אויף דעם אַריק — זיין פּייפּיאַל,
אייער גורל איז דער ניגון און דער אָפּגרונט פון זיין צאָרן,
נאָך די קדושים יאָמערט ער, וואָס לעבעדיקערהייט אין טאָל —
דער דייטש באַגראָבן האָט ביים שיין פון פעלדער קאָרן.

בעת צום גרוב געיאָגט ער האָט אייך אין געזעמל,
האָב איך דאָס פעלד, פאַר טויזנט מיילן ווייט, וואָס גרינט —
פאַרנומען אייער צער — דורכן געוואָי פון קעמל,
און געשיקט מיין גרוס אייך דורך דער זון און ווינט.

— — — — — — — — — — — — — —

דיין שיינע מלכה ט׳נישט באַוויזן די בהמה אויסצומעלקן,
און מאַירקע — מיט ברויט צו קאָרמען די הינדעלעך די גרינע;
... דאָס גראָז אויף אייער קבר וועלן רעגנס נישט פאַרוועלקן —
מיין פאָלק, איך וועל דיין לעבן — פאַרוואַנדלען אין נגינה!

דריטהאַלבן יאָר איז אַלט געווען מאַירקע, דיין שוואַלב,
ווען דער שטורעם ט׳אים פאַרשניטן פון בערעזעוון גן־עדן;
עס ווײנט נאָך אים דאָס טייכל און אין שטאַל — די קאַלב,
מיין געזאַנג — דער ווידערקול איז פון זייביידן.

טיפער איז די גרוב אין הארץ — פון טויזנט מיילן,
די טויטע אויפוועקן, כ׳וועל נידערן אין טאָג פון זיג:
— די רוסישע בעריאָזעס און טאָפּאָלעס זיינען זיילן
צו דעם זונאויפגאַנג — אייער פאַרלוירן גליק.

ברידער אָרעמע, איך בין געווען אַמאָל פאַר אייך
דער גלובאָקער וועג, וואָס איז אין מזרח־לאַנד אַנטרונען;
כ׳שווים צוריק פון אַלאַ־טאַי אַראָפּ — אַ ברויזנדיקער טייך,
אין מיין היימלאַנדס שטערן — אייך האָב איך פונסניי געפונען.

אַלמאַ־אַטאַ, 1942

באַלאַדע פון אייביקן וואַנדערער

א

אין פוילן דער הימל ווערט בלויער,
דער ווינט האָט די וואָלקנס פאַרטריבן;
אין וואַלד זינגט אַ פויגל אַ גרויער:
— אַ ברודער דעם צווייטן דאַרף ליבן.

די ווייסל איר קייט האָט צעריסן,
גיסט־אוים אין אַ האַמער איר קרייץ,
פונעם טאָגס זוניק געוויסן —
עס בליט אויף די פעלדער דער ווייץ.

דער בלאָנדער טשערעשנע, וואָס גרינט
אין חלום פון דרימלענדע כלות,
די וואָלגע פון סטעפּ ברענגט אַ קינד
אויף מוטערשע אָרעמס — די כוואַליעס.

אַ ייד מיט אַ פּליים אין די הענט
אויף אַש פון זיין וויג קומט צו וואַנדלען,
שפּילט־אויף איר דאָס ליד פון טאַשקענט,
פון ראָזשינקעס־גערטנער און מאַנדלען.

ב

מיט עכאָ פון פייגל אין וואַלד
די וויגל דאָס קינד פלעגט פאַרוויגן,
אַ ברכה אין פלייט עס באַהאַלט
פון דורות אין קבר וואָס ליגן.

פון אונטער די מאָכיקע שטיינער
די אָבות פון דרימל דערוואַכן,
באַהעפטן מיט זייערע ביינער
דעם וואַנדערערס הייליקע שליאַכן.

די ערד, וועלכע האָט זיי פאַרכאָוועט
צו וועבן דעם אויסלייזערס טריט —
אַ שאָף פונעם פאַסטעכל דוד
איר ברוסט האָט פון חלף פאַרהיט.

און די אָדלערס פון באַרג אַררט
צעפּיקט האָבן טיטוס' מחשבה:
די גרונטשטיינער פון אַשכאַבאַד —
האַלטן אונטער דעם כותל-המערבי.

ג

פאַרנאַכט, אויף אַן עדה אין גריבער,
אַ פויגל האָט קדיש געטרעלט,
געווען איז זיין זמר דער טריבער —
איר וועג צו דער אייביקער וועלט.

איר האַרץ האָט פאַרשלונגען אַ ראָב,
און פון די פאַרהילטע קאַרפּאַטן
גליט־אויף דער לבנהקער קאָפּ
פון יתומס דערהרגעטן טאַטן.

ער וועבט־אוים אויף לאָקן פון זייד
פון יונגע, געהאַנגענע טעכטער
זייער פרילינג, וואָס איז פאַר דער צייט
פאַרשניטן געוואָרן פון שעכטער.

פון זייערע וואַרעמע טרערן
עס רוישן אין פעלד די קאַשטאַנען,
און אין זייער חלום די שטערן
עס טראָגן מלאכים — בוטשאַנען.

ד

עס ברעכן פון קבר די טירן
די כלות — צו זייער באַדעקן —
מיט פינגערנע װעגן זײ פירן
אַ ייד, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן.

עס יאָמערט דער ייד: — אין מיין פּליט
די זון פון מיין פאָלק איז פארגאַנגען;
דער לבנה־קאָפּ לויכט און באַגלייט
צו דער חופּה די טעכטערלעך־זאַנגען.

ער בענטשט מיט זיין טױ זייער טראַכט,
װאָס בליט־אויף פאַרן אָבל — אַ רויז,
און פון זייער קבר — דער שאַכט —
די זון אויף זיין שװעל זאָל אַרויס.

ער שפּינט־אויס דעם חתן אַ העמד,
געהאָפטן פון שטערן און ליין,
נאָר זיין קדיש פאַרשװינדט, — און פאַרשעמט
פאַלט דער טאַטע אין װייסל אַריין.

ה

דער לבנה־קאָפּ טויכט־אויף פון באַרג,
שלינגט די פינקלענדע אותיות פון בריף,
וואָס מיט אַש־זעקל אונטערן קאַרק
שיקט זיין זון דורכן רויך פון אַ שיף.

נאָכן קינד זיפצט די וואָלגע אין ווינט,
עס פאָלגט נישט די שטים פון אַ מאַמען,
אין סאַד די טשערעשנע, וואָס גרינט,
פאַרברעכט אירע הענט איבער ימען:

— אין בלוט שווימסטו וואַשן דיין וועש, —
אין מדברדיק האַרץ פון ישמעאל,
זיין הערשער לייט שקיעות פון מעש —
קעגן די זין פון ישראל.

— — — — — — — —

פון וואַנדערערס בלוטן וועט גליען
פאַר דורות אַ וואַלד אַפּעלסינען,
אויף צווייגן אַ פויגל וועט פליען
און טרילן אין לאַנד דעם באַגינען.

לאָדזש, אַפּריל, 1947

דער מוטער רחלס קרוין

אין שוים פון פּאַלמען אויפן הייליק אָרט,
רוט פאַרהוילן פון תנ״ך דער אויטאָר.
שוועסטער, אונדזער הימל דער צעבלויטער,
מיט לייבלעך ערד האָט אים צונויפגעפּאָרט.

דעם שטערנבוך און גאָלדן זונאויפגאַנג
מיט זיין בלוט פאַרפּאַסט האָט דיין באַשערטער.
און דער ירדן — דער הימל דער פאַרקערטער,
וועקט פון שלאָף אים מיט אַ פידל־קלאַנג.

אין געטאָ־פלאַמען לייט דער זון אַ קרוין —
זיין האַרץ, וואָס טיטוס האָט מיט האַק פאַרשוועכט,
פאַרן פולן טרערן־כוס אַ לוין —
דער מוטער רחל, וועלכע איז גערעכט.

די קרוין, וואָס גליט אויף אירע גרויע האָר,
אין שטויב געשימערט האָט צוויי טויזנט יאָר.

יונגע קלעזמאָרים

א

אַ לויב זינגט דער פויגל דיר, ליבער אָרמייער,
דו האָסט אים דערהויבן פון קבר פון ליים.
מיר, די פאַרבליבענע באָרוועסע גייער,
האָבן אונטער זיין פליגל געפונען אַ היים.

מיר, די פאַרבליבענע יונגע קלעזמאָרים,
מיט זאַק אויפן אַקסל און שטריק אויפן לענד,
טראָגן אין פידלען דעם ניגון פון ספרים
און ס׳וויגליד פון מאַמעס, וואָס זיינען פאַרברענט.

מיר, די פאַרבליבענע וואַנדערער בלייכע,
וועבן דיין לויב מיטן ביינוועלנעם שליאַך.
דיין גנאָד זיינען אונדזערע טאַטעס נישט זוכה,
און שעפּטשען דורך בערדיקן פליין דיר אַ שבח.

אַ הימן דיר, שלאַנקער, בלויאויגיקער רייטער,
עס דרימלט אין הארץ ביי אונדז — דעם וויאָלאַנטשעל:
דו האָסט פון אָפענע גריבער און שייטער
פאַרהוילן אונדז אונטערן וואַלד — דיין שינעל.

און מיטן שניי פון די בערג אַלאַ־טאַיער
געלאָשן די וווּנדן פון וואַנדערערס פיס.
פון דורות געקאָוועטע האָסטו אין פייער
געגאָסן פון קייטן — דעם תליון אַ שפּיז.

— — — — — — — — — — — —

מיין פאָלק האָט אַ פויגל פאַרוויגט מיט זיין ליד
און מיט דיין באַלזאַמער זון פון נצחון
היילט ער אין הארץ אונדז דעם אָפענעם שניט —
פאַרלענדט איז דער מערדער, וואָס האָט עס צעבראָכן.

ב

דיין אויג ליכט אין אונדזערע גרויע פיר איילן,
און אין גאָלדענעם טרוים פון באַשערטנס געשטאַלט
עס שטראַלן די טעכטער אַרוים פון די היילן —
פאַרוואַנדלען זיך אין אַ בעריאָזעווען וואַלד.

עס פלאַטערט אַ פויגל, אַ קרענעצע בלוט —
די סטרון פון זיין האַרפּע אַ ציטער עס טוט.
ער פּיקט־אויס פון מיידלשע הערצער דעם שרויט
און וואַשט מיט געוויין זיי פון העמדער דאָס בלוט.

זיי פלעכטן אַריין אין די צעפּ די לבנה,
דערזעען אין שפּיגל פון טייך זייער שיין.
און פון דער ערד, אונטער שאָרך פון אַ בראָנע
דערוואַכן די מאַמעס — אין קליידער פון ליין.

אין טוי זיי די מיענטענע לאָקן זיך זאַלבן,
צוקאָפּנס די שקיעה פון בלוט צאַפּלט רויט.
אונדז וועקן אין חלום די עופהלעך־שוואַלבן
צו פלאַנצן מיט טרערן דאָס לאַנד — אונדזער ברויט.

מיר קניען פאַר די, אין די קברים וואָס נאַכטן,
קריצן־אויס זיי די שטערן אין אַרץ מיט אַ דלאָט.
און פון זייער אייביקן מויל דעם פאַרמאַכטן
עס אָטעמט אין ווינט אויף דער מאַלינעם־סאָד.

מיר וועקן דאָס האַרץ, וואָס די ערד האָט פאַרהוילן,
און ביי דער שיין פון די שטערן־מנורות
מיר גליען־אויף אותיות פון בלייענע קוילן —
און שמידן אין טרערן געזאַנגען פון דורות.

ג.

מיר, די קלעזמאָרים מיט זאַק אויפן קאַרק,
טראָגן אין פידלען דעם ניגון פון שטורעם.
מיט אונדזער געזאַנג בענטשט אין סאַד דער קאַנאַרעק
די פרוכטן פון אונדזערע ברידערס יסורים.

די סטרונעס אויף אונדזערע האַרפעס זיך צאַפּלען
ווי שוועסטערס פאַרשניטענע האָר אונטער שער.
אָבער פון זייערע בלויע שוואַרצאַפּלען
עס לויכט אונדז די זון — זייער הייליקע טרער.

אַצינד זיינען ברידער אונדז — פעלדער אפנים,
מיר נידערן צו זייער תהומיק געוויין —
און זויגן מיט ליבשאַפט דעם האַס צו תלינים,
וואָס טליעט פאַרהוילן אין אונדזער געביין.

אַצינד זיינען טאַטעס אונדז — טייכן מסתמא,
זיי זינגען אונדז זמירות — און גאָלדענע פיש —
זייער מגולגלה שטומע נשמה,
עס צאַפּלט זיך שבת ביי אונדז אויפן טיש.

אַצינד זיינען מאַמעס אונדז — ווערבעס די שטילע,
וואָס בענטשן די זון אינעם לייכטער פון מאָך.
און שיקן דורך טויבן די שטערן אַ תפילה,
זיי זאָלן באַלויכטן די ערד — אונדזער וואָך.

עס מאַכן די טאַטעס אויף טרערן הבדלה
און מורמלען מיט כוואַליעס די קינדער אַ ברכה:
— מיר האָבן פון שלאָף — אונדזער אייביקע קללה,
זיך אויפגעכאַפּט דורך אייער טרייסטפולער סאַכע.

פורפורנע טויערן

כ׳ווייס, איך וועל אייביק באַדויערן,
וואָס איך האָב מיין היים אָנגעוואָרן.
דורך אירע פורפורנע טויערן
זיינען אַדורך מיינע יאָרן.

דורך אירע פורפורנע טויערן
דער וועג צו דער אייביקייט גליט,
עס וועלן מיך שטערן באַדויערן,
וואָס איך האָב דעם וועג נישט געהיט.

אין אירע פורפורנע טויערן
דער טאָג אין אַ מענטש איז פאַרשטעלט;
די זון וועט מיט שיין מיך באַדויערן —
וואָס זוך איך דעם טאָג אין דער וועלט.

זי וועט אין פאַרנאַכטן מיך לויערן,
פאַר שאַנד ווערן רויט און פאַרגיין,
וואָס איך האָב דעם וועג צו די טויערן
נישט אויסגעבעט מיט מיין געביין.

מאַמע, פראַל אויף דיינע טויערן,
דער פויגל, צו מזרח וואָס פליט,
וועט אויף אַ דעמב נאָך מיר טרויערן,
זינגען באַגינען מיין ליד:

— ווילנע, מיין וויג און מיין דויערן,
מיטן קלאַפּ פון מיין האַרץ אויף פּאַנאַר
אַ וועג לייגן צו דיינע טויערן
וועל איך מיט מיין שטיינערנעם צער.

כ׳וויל זיין אַ שוועל צו די טויערן,
קושן פון מאָרגנס די טריט,
דער האַמער וועט אָבער באַדויערן,
מיין לעבן איז נישט פון גראַניט.

די טשערעשניכע וועט מיך באַדויערן,
כ׳בין אויף איר האַלדז נישט דער צווייג,
צו אירע נעסטיקע אויערן
וועט זינגען דער קוקוק מיין ליד:

— מאַמע, פּראַל אויף דיינע טויערן,
כ׳וויל אַ וויינגאָרטן זיין אין דיין שיין,
דיין ליפּ וועט מיט ווי נאָר באַדויערן:
אַ טרער רוישט אין דנאָ פון מיין וויין.

די ליטווישע ערד וועט באַדויערן,
כ׳בין אויף איר פעלד נישט דער שניט,
צו אירע באַרגיקע אויערן
וועלן זינגען די טייכן מיין ליד:

— מאַמע, פּראַל אויף דיינע טויערן,
כ׳וויל זיין דאָס פעלד דיינס מיט קאָרן,
דער סערפּ וועט אין אָוונט באַדויערן,
כ׳האָב די קערנער אין שטורעם פאַרלאָרן.

— — — — — — — — — —

די זון האָט פאַררינגלט די טויערן,
דער פויגל, צו מזרח וואָס פליט,
וועט מיך מיט אַ פליגל באַדויערן
און זינגען באַגינען מיין ליד.

שטיי אויף פון דרימל,
שוועסטער ליבע...

אַ תפילה

די הענער קרייען אין קאָטוך,
עס קלאָגט די ערד מיט טייכן טרערן.
אין דער נאַכט, דעם תפילה־בוך —
פאַרשרייב איך עס מיט בלויע שטערן.

עס זיינען מיינע קליינע ברידער
די הענער מיט די רויטע קאַמען.
איך זינג אויף יידיש מיינע לידער,
כ׳קריי מיין קדיש אוים אין גראַמען.

דער שטומער קאַטשקע טרייסט איך אויכעט
און טו תפילה פאַרן אינדיק:
פאָטער, מיר האָבן אַ שוחט,
כאָטש מיר זיינען גאַרנישט זינדיק.

דעם גזר פון אונדזער אָרעם היים
אין דעמערונג, וואָס דרימלט מאַט,
פאַרזיגלען וועלפיש טריט געהיים
אין פעלד, דער פאַרמעטענער בלאַט.

דעם קרבנס האַרץ דעקט־צו אַ שטיין,
אויף דער טויב — אַ שפּאַרבער לויערט;
מיט אויסגעשפּרייטע הענט אין פליין —
די ווערבע אונדזער צער באַדויערט.

ווען ס׳וואַיעט אויף דער קייט די צוויג,
די שלאַנג פון וויסטע היילן קריכט —
מיט אַ פאַרטייעט בלינדער אויג
עס שטאַרט אין פענצטער זיין געזיכט.

אויף באַרג און טאָל זיין שאָטן פאַלט.
אין שויב אַ שטערן גליט, אַן אלף.
אין געררויש פון בלעטער-וואַלד
בליצט אין הימל אויף אַ חלף.

ס׳קרייט אויף חצות אין דאָרף דער האָן
און פונעם מירמלנעם אין-סוף
די אָזיערע מיט מילך זויגט-אָן
די סטאַדעס וואָלקנדלעך, די שאָף.

עס טוליעט זיך אַ וועל צו וועל
אין זיידן-שאַרך פון אָוונט-פאַלד
און אַ פאַרבלוטיקט שאָפן-פעל
אין שוחטס האַנט זיך צאַפּלט קאַלט.

ער פליסטערט-אוים אַ ווידוי-שפּרוך
און דאָס פּנים פון מיין מאַמען
ער פאַרהילט אין שוואַרצער טוך,
ביז איר האַרץ אין זון נעמט פלאַמען.

אין מיין אָבלדיקער וויע
ברענט אַ ליכט נאָך איר זכרון,
אין דער חלבנער שקיעה
טריפן-אוים אונדזערע יאָרן.

די הענער קרייען אין קאַטוך,
עס קלאַגט די ערד מיט טייכן טרערן.
אין דער נאַכט, דעם תפילה־בוך —
פאַרשרייב איך עס מיט בלויע שטערן.

אינדערפרעמד

א

וועך עס טאַנצט אַ שיינע פרוי,
איז איר חן און רייץ — אַ ליגן,
נאָר דער פידל איך געטרוי,
מיין ווייטאָג — איז איר ניגון.

מיין ווייטאָג ווי די ערד איז גרויס,
און מעסערס — פרעמדע וועגן,
ווער ס׳פאַרמאָגט אַ וואַרעם הויז,
איך נאַכט און טאָג — אין רעגן.

ווער ס׳פאַרמאָגט אַ ווייב, אַ קינד,
און איך — אַ האַרץ אונטערן העמד,
מיט מיין היימלאַנד איך פאַרבינד
די ווונד — פון וואַנדלען אינדערפרעמד.

אינדערפרעמד — די זון איז סם,
דער לבנה׳ס האָניק — ביטער.
כ׳בין אָפּגעבראָכן פון מיין שטאַם,
וואָס ביים שולהויף האָט געבליט ער.

איך בין אַ ליטוויש קאַרשנבוים,
דער טוי פון אירע כריזאַנטעמען,
און די שוואַלבן פון מיין טרוים —
זינגען אויף דער וואָר ביים ניעמאַן.

ב

ליבער ניעמאַן, לאָז מיך הערן
דיין קוקוס אייביקן געזאַנג;
פאַרוואַנדל איך זיך אין אַ שטערן —
און איך פלי צום זונאויפגאַנג.

איך פלי צו מיין געשענדטער היים,
איך וויל אין אירע אָרעמס פאַלן,
דעם פאַנאַרער באַרג פון ליים —
אויפוועקן מיט פרידלעך שטראַלן.

איך פלי צו מיין באַשערטער שטאָט,
איך זע, מיינע בעריאָזעס גרינען,
ס׳דערקענט מיך נישט מיין פלוימענסאַד —
אין ליכט פון ליטווישן באַגינען.

מיין כאַטע טוליעט זיך צום סקווער,
כ׳וויל צו אירע קני זיך נויגן,
זי דערקענט מיך אין אַ טרער,
וואָס לויכט פון מיינע ברידערס אויגן.

איך וויל זיין די טרייסט פון די,
וואָס לעבן — נאָך אַזויפיל פיינען;
אַ שטערן כ׳בין, נאָר אינדערפרי —
זעט דער ניעמאַן נישט מיין שיינען.

ג

פֿאַרוואַנדל איך זיך אין אַ טייך —
אין מיין פֿאַרלוירן טרער פֿון וויע;
ברידער, איך גים אויס פֿאַר אייך
מיין האַרץ — דורך דער ווייליע:

— איך וויל זיין אַ טראָפּן וואַסער,
וואָס איר נעמט באַגין צום ליפּ.
מאַמע, איך דיין זון דער בלאַסער
פֿליסטער אין דיין שוים: פֿאַרגיב.

פֿאַרשוועכט האָב איך מיט זינד
פֿון אָפּשיידונג — דיין צער,
נאָר מיינע גרויע האָר אין ווינט —
דאָס גראָז איז פֿון פֿאַנאַר.

און נישט אַוועק כ'בין האַנדלען
מיט דיינע טרערן אויף יאַרידן;
דער מעסערוועג פֿון וואַנדלען —
ברענט אין מיין גוף דעם מידן.

אין מאָרגנזון, וואָס שיינט —
זע איך אין טרוים דיין ליב געשטאַלט,
פֿאַר בענקשאַפֿט נאָך אַ פֿריינט —
איך בין יונג — געוואָרן אַלט.

ד

דורך יעדע טויב און וואָראָביי
כ׳שיק דיר מיין וואַנדערגרוס:
כ׳וויל זיין דער ווייסער שניי
און זאַמד — אונטער דיין פוס.

פונעם מערדערס שטריק און האַק
פאַרבליבן בין איך איינער.
אויפן אַקסל אין אַ זאַק
איך טראָג מיין ברודערס ביינער.

מיין אַלכעוויג און טרוקן ברויט
דער מערדער האָט מיט בלוט געצונדן;
מיין היים — איז פון דיין לייב די הויט
און דיינע גליענדיקע וווּנדן.

פון פליטן און וויאַלאַנטשעלן
וועסטו הערן מיין געוויין:
— דיינע וווּנדן כ׳וויל פאַרשטעלן —
מיט מיין האַרץ און מיין געביין.

נאָר אין פוילנס ערד, וואָס קלעמט,
האָט מיך דאָס לעבן איינגעשפּאַנט;
פון מיינע אויגן אינדערפרעמד —
לויכט אַרוים מיין גאַנצע לאַנד.

1947

אין רייסן, אין אַ כּוטערל אַ ווייסן

א

אין רייסן,
אין אַ כוטערל אַ ווייסן,
אויפן דיל,
ביים אויוועלע,
האָסטו פון שפּענדעלעך
פון קליאָן
געשניצט אַ פידעלע.

אַ, שפּיל,
מיין עופהלע:
— גלין, גלאָן!
דעם מאָרגנשטערן אויפגיין מיט דיין טאָן —
זאָג־אָן.

ביים פלויט
פון וויינשלסאָד, וואָס בליט,
געקאָרמעט האָסטו דיינע הענדעלעך
מיט גערשטן, ברויט
און זיי געשפּילט דאָס ליד
פון טייכל און פון ווינט.

מיין קינד,
די הינדעלעך די כשרע
און דיין לאַבאַטער האָן
זיינען טויט
שוין פון לאַנג־אָן.
— גלין, גלאָן!
דאָס ליד פון רייסן
און דעם כוטערל דעם ווייסן
מיך דערמאָן.

ב

װו דײַן מאַמע איז אַנטרונען,
װײַס אין פֿעלד דער װינט:
צי שעפּן װאַסער פֿונעם ברונען,
צי פּיטערן די רינד.

צי שװוענקען אינעם סטאַװ די גרעט,
צי אַנטרינקען די ציג בײַם טײַך,
װײַן נישט, יתומל, זי װעט
קומען מיט דער נאַכט צוגלײַך.

און פֿון דאָרף אונדז ברענגען מערן,
בולבעלעך און קרויט.
שלאָף, מײַן קינד, פֿון אירע טרערן
װאַקסט אין פֿעלד דאָס ברויט.

שלים־צו, יתומל, דײַן װיע —
אויף דײַן בלאָנדן קעפּל
דורכן פֿענצטער פֿאַלט די שקיעה —
װי אַ גאָלדנער עפּל.

האָרך, איבער דײַן שטיבעלע
עס פֿלאַטערט אַ װאָראָנע,
און טראָגט אַ זילבער־ציבעלע
אין שנאָבל — די לבנה.

די מאַמע איז אַװעק אין געסט
אין דאָרף צו מומע סערל,
נאָר די נאַכט טוט־אָן, דו זעסט,
דײַן מאַמעס שנירל פּערל.

פון איר מלכות יעדן וויערסט
זי מעסט מיט שטרויכלענדיקע טריט.
און די קוואלן רוישן, הערסט,
דיין מאמעס טרויער־ליד:

— כ'בין אוועק נאר אויף צום פליישן —
מורמלען דיר די קוואלן,
— כ'וועל דיין וועטשערע פארווייסן
מיט לבנה־שטראלן.

— ווו איז אונדזער קו די געלע
און די ציגעלעך די צוויי? —
אויפן דאך, איבער דיין סטעליע
פלאטערט אום א סאלאוויי.

און ער קלאגט דיר מיט א ניגון:
— כ'בעט דיך, יתומל, נישט פרעג,
זיי געקוילעט ליגן
אין גריקע־פעלד ביים וועג.

אין רייסן,
ביי דעם כוטערל דעם ווייסן.

ג

ווײן נישט, יתום, ס'וועט דײַן מוטער
קומען צו דיר באַלד.
זי געפֿאָרן איז פֿון כוטער
ברענגען סכך פֿון וואַלד.

זי געפֿאָרן איז פֿון כוטער
אין מיל צו מאָלן ווײץ,
האָט איר באַגעגנט דער נישטגוטער
אויפֿן וועג בײַם קרײַץ.

ס'האָט פֿאַרוואַנדלט זי דער שטן
אין אַ ווײַסער טויב,
וואָס פֿלאַטערט אויף די עירוב־דראָטן,
הינטער אונדזער שויב.

פֿורן רוישן פֿון די פֿעסטן,
אָקסן סקריפּען אויפֿן שליאַך,
און די פֿייגעלעך אין נעסטן
זינגען דיר, מײַן קינד, אַ שבת.

פֿורן רוישן, אָקסן סקריפּען,
שלאָף, מײַן יתומל, נישט ווײן,
פֿון דײַן מאַמעס זיסע ליפּן
וואַקסן פֿאַזעמקעס אין פֿלײן.

און אויף ווערבעס פֿרומע קעפּ
בליִען אירע בלאָנדע צעפּ.
אין רײסן,
בײַ דעם כוטערל דעם ווײַסן.

ד

דער שניי פּאַרוויִיט האָט אַלע וועגן
צו דיין מאַמעס גריבעלע,
אויף אַ וואָלקן רייט דער רעגן
איבער אונדזער שטיבעלע.

מיט ליים פאַרקלעפּט כ'האָב אַלע שפּאַלטן
פון דיין פענצטערל און טיר,
און דיר פון ווינט און נאַכט באַהאַלטן,
ציטער נישט, מיין קינד, נישט פריר.

דיין מאַמעס קוואַלן בלוט פאַרהאַלטן
וועט דער ווינט נישט סיי־ווי־סיי.
כ'וואָלט אין האַנט כאַטש וועלן האַלטן
פון איר האַרץ דעם הייסן בליי.

פאַרלעשן אין מיין פויסט די קויל,
וואָס האָט פאַרקלעמט אין ערד איר מויל.
פון איר צוגעמאַכטער טראַכט —
אויסגעשטערנט איז די נאַכט.

מיט לבנה־מילך פון לאַדעש,
וואָס צעגאָסן איז אין פעלד —
דער ווינט איר וווּנדיק האַרץ פאַרשטעלט
און זאָגט נאָך דיין מאַמען קדיש.

דער וואָראָביי אין דרויסן שילט
דעם, וואָס האָט איר האַרץ פאַרהילט
און פאַרוואָנדלט עס אין שטויב.
האָרך, ער קלאַפּט אין אונדזער שויב.

ער פליט פון וואָרעם נעסט אַרויס,
דיך ברענגען, קינד, צו מוטערס שויס,
אויף איר האַרץ — אַ טאָפּאָל זיי.
און וואַקס, דער שטורעם וועט פאַרביי.

ה

שלאָף, מיין קינד, אין וואָרעם היים,
אויפן אויוועלע פון ליים,
אין שיין פון אַ בעריאָזע־קין,
כ׳וועל דיר מאָלן דעם באַגין.

האָרך, ווי אויפן קאַרשנבוים
דער גילדענער קאַנאַרעק טרעלט,
ס׳רייט אַ וואַנדערער אין פעלד
אינעם מלכות פון מיין טרוים.

אויף אַ יונגן הירש אַ ווייסן,
אין אַ זילבערנעם מונדיר,
שוועבט ער אין מדינת רייסן
פון די סטעפּעס פון סיביר.

און שאַלט פון ערד די ווייען
אוים דורך אַ טראָמפּייט,
און אַ מחנה סאָלאָווייען
אים באַגלייט.

פון זיין אָטעם ווינטן ווייען,
באַהויכן אונדזער סאָד מיט צווייט,
און די טייכן אייז צעגייען —
הילכנדיק זיין ליד.

ציטער נישט, מיין קינד, נישט פריר,
דער פרילינג קלאַפּט אין אונדזער טיר,
און צינדט־אָן דעם מאָרגנשטערן
איבער אונדזער שטיבעלע.

— — — — — —

נאָר דו שלאָפסט אין גריבעלע
אויף אַ האַרטן שטיין,
און געלאָזט דעם פרילינג
איינינקן אַליין.

מיט בליץ און דונער ער פאַרשילט
דעם, וואָס האָט דיין האַרץ פאַרהילט
און פאַרוואַנדלט עס אין שטויב.
דעם, וואָס האָט אין קריינדעלעך
פאַרוואַנדלט דיינע ביינדעלעך,
מיין טויב!

ווי,
דו שלאָפסט אין גריבעלע
אויפן וויסטן פליין,
און ביי דיין צוקאָפּנס:
צוויי
בעריאָזעס — ליכט —
באַלויכטן דיין געזיכט.

אין רייסן,
ביי דעם כוטערל דעם ווייסן.

אויף פּאָנאַר צוויי קליאָנגען בליען

א

אויף פּאָנאַר צוויי קליאָנגען בליען
צוקאָפּנס פון אַ פּאַרטיזאַן,
און צוויי רויטע רויזן גליען
פון זיין אָטעם — דעם טומאַן.

די ליטווישע בעריאָזע קניט
צום קבר, וועלכן ס'היטן בערג,
און אַ שוואַלב זינגט איר דאָס ליד
פון שטעפער איציק וויטנבערג.

דער שטעפער האָט אויף זיין קאָפּול
באַשוכט די אַלטע יידיש-גאַס,
נאָר פון איר הויט אַ רידיקול
דער תלין נייט פאַר זיין מרשעת.

מיט לאָקן קינדערשע פון גאָלד
דורך לענדער, דערפעלעך און שטעט
מיט יידיש בלוט דער תלין מאָלט
אויף בערג און טאָלן זיין פּאָרטרעט.

די זילבערנע ווילִיע רינט
אין שיין פון שקיעה — זיין פּאַלעטע.
און אין די אַלבעם רוישט דער ווינט —
דאָס געוויין פון ווילנער געטאָ.

ב

פון געטאָ ביז פּאָנאַרער גרוב
זיך וויקלען וועגן — גרויע שטריק,
פּאַרציען אויפן האַלדז אַ קנופּ
דעם זקן און דעם קינד אין וויג.

קלעמען איין דאָס האַרץ אין שטיין
און דערנאָך... טויט גאַרנישט ווי — — — —
— די ערד איז גרויס, דער קבר קליין —
קלאָגט אין וואַלד דער סאָלאָוויי.

פּאַר די קליינע קינדערסוועגן
איציק האָט אויף זיין מאַשין
מיט כישופדיקע פעדים־שטעגן
אויסגעשטעפּט דאָס פעלד אויף גרין.

און מיט נאָדל־ביימער הויכע
אויסגעוועבט דעם הימל־בלוי
און די פּנימלעך די בלייכע
געוואַשן זיי מיט פרישן טוי.

מיט פּיאָלעטע מערב־שטראַלן
אויסגעשפּינט אַ בלויע נאַכט.
און די רוישנדיקע קוואַלן
האָבן קינדערס וויג באַוואַכט.

ג

געפלויגן איז אַ שוואַרצער ראָב
איבער דער גרויער געטאָ־וואַנט:
— דער מלך מאָנט דעם בלאָנדן קאָפּ
פון אייער יונגן קאָמענדאַנט.

און אויב ביז שקיעה וועט זיין רויב
נישט ליגן צו די פּיס פון האַר,
וועט ער פאַרוואַנדלען אייך אין שטויב
אין זיין מלכות פון פּאַנאַר.

פאַרשוווּנדן איז דער שוואַרצער ראָב,
די שקיעה ברענט אין גאונס קלויז,
זיין ספר פאַלט אויף דר'ערד אַראָפּ
און זיין נר־תמיד לעשט זיך אויס.

נעבן גאונס הויף, אויף גלעזער־גאַס,
זיצט אַ קלעזמערל אַ בלינדער
און ער יאָמערט אויף אַ באַס
נאָך זיינע אייניקלעך און קינדער.

ס'איז אַ טאָכטערס האָר אַ סטרון
אין כלי פונעם מוזיקאַנט,
און אין זיין ניגון איז די זון
פאַרגאַנגען פון דער געטאָ־וואַנט.

ד

די עדה ליגט אין גרויסער שול —
אַ גרויער פעלד צעטראָטן גראָז:
— אָ, טאַטע איינציקער, ס'איז פול
מיט בלוט און טרערן אונדזער כוס.

מיר געטאָן האָבן דיין ווילן,
געבראַכט אַ קרבן דיר אַ רינד,
מיט איר הייליק הויט — די תפילין —
פאַרהילן מיר פון האַנט די זינד.

האַר, מיר וועלן טאָן דיין רצון,
פאַר דיר זיך מקריב זיין אַליין,
פון אונדזער געביין זאָל שפּראָצן
פאַשע פאַר די שאָף אין פליין.

מיטן זונאויפגאַנג זאָל גאָט
באַשיצן אונדז פון נאַכט און שטורעם,
נאָר די קוואַלן פון דיין גנאָד
זיין וועט אונדזער קינדס יסורים.

דורך דונערן און בליצן הייס אים,
דיין קרבן, אונדזער חטא פאַרגעבן,
און פון זיידענע טליתים
וועלן מיר דיך תפילות וועבן.

ה

אין מערב ליגט דער טאָג געקוילעט,
עס שלייכט די נאַכט פון שניפּישאָק
און זי שטעכט דורך מיטן מולד
די רויטע צונג פון קירכנגלאָק.

ביי די ראָבן איז אַ חגא,
אין געטאָ פלאַטערט אום אַ טויב.
עס קלינגען קלויסטערס אויף טרעוואָגע:
— ס'איז גרייט דער מאָלצייט, אייער רויב!

עס רינט פון וואַלד די דעמערונג.
איציק גייט צו דער עקדה.
דערהערט האָט אין זיין קייטן־קלונג —
איר אויסלייזונג די גרויע עדה:

— ברידער, כ'קען זיך מער נישט ווערן,
פון שטריק מיינס — דעם פאָנארער שליאַך.
פון מיינע ווונדן זאָלן שטערן
אויפגליען אויף אייער דאַך.

מאַמע, ס'וועט מיין הויפן אַש
פאַרטראָגן אין די בערג דער ווינט,
דיין האָרב — די פאָהוליאַנקע־גאַס
האָט אויסגלייכן געוואָלט דיין קינד.

ו

— זון געטרייער, זיי געזעגנט,
ס׳וועט מיין ערד זיין צו דיר גוט,
און די נאַכט, מיט מעש וואָס רעגנט,
נישט פאַרלעשן וועט דיין בלוט.

דער תלין האָט פאַר דיין געביין
אויסגעטראַכט אַ שפּיז פון אייזן,
אויב ס׳וועט דיין זוניק הארץ פאַרגיין,
זאָל דיין לבנה-קאָפּ זיך ווייזן.

ער האָט געזאָגט: — אַ גוטע נאַכט,
און איז אַוועק מיט די מיליאָנען,
צוויי דייטשן האָבן אים באַוואַכט,

זיין קבר היטן איצט צוויי קליאָנען.

צופוסנס די ווילדע רינט,
פאַרוויגט אים מיט אַ פידל-טאָן,
פון זיין פאַרבלוטיקט העמד אין ווינט
האָט אויפגעפלאַטערט אונדזער פאָן.

אויף פאַנאַר צוויי קליאָנען בליען
צוקאָפּנס פון אַ פאַרטיזאַן,
און צוויי רויטע רויזן גליען
פון זיין אָטעם — דעם טומאַן.

שטיי-אויף פון דרימל, שוועסטער ליבע...

א

אויף די פעלדער שפּאַנט אַ גייער,
ס׳עפּנט אים די ערד איר אָרעם,
מיט אַ גרויען ווערבע-ווייער
ווייט ער טאָג אין בלינדע קברים.

ס׳גליט די זון מיין אויג מיט שיין
ווי אין דיין האָרץ — דער שטאָך פון שפּיז,
שטיי-אויף פון דרימל, שוועסטער מיין,
און טרינק דעם טוי פון ריטערס פּיס.

ס׳פליט אַ שוואַלב דעם גאַסט אַנטקעגן,
מעסט דעם טאָג אוים מיט אַ טרעל.
דיינע ווייסע הענט — די וועגן —
פירן אים צו אונדזער שוועל.

ב

עס ציטערן בעריאָזע-ריטער
אין די הענט פון אינו-נראה,
שוועסטער, האָרך, דאָס שפּילט דער ריטער
אויפן וואַלד — זיין גרינער לירע.

און אַ טרויער-שיר פאַרציט ער
אויפן קוואַל — זיין פייפיאַל,
און זיין אָטעם — דער געוויטער —
חיות הויכט אין ביינער-טאָל.

עס בליצט אין נעפּל זיין כלי-זין,
עס דונערט אויף דער ערד זיין ליד,
און אין סטאַוו דער שטומער שלייען
בענטשט דעם רעגן — זיינע טריט.

ג

מיט וויין די לאָנקעס אָנגעזויגן
האָט דער גייער — און זיי האָרכן:
פון זיין קרוין — דעם רעגנבויגן —
פלאַטערלעך אין גראָזן שאָרכן.

זיין פאַרהוילענע פּרינצעסין
וועקט דער ריטער צו דער חופה,
און זיין בליק דורך די מעת-לעתן
לויכט אין איטלעכער כאַלופּע.

ער צינדט מיין אומה׳ס שבת-ליכט,
קלאַפּט אינעם דופק ביי איר קינד,
און דער, וואָס קוקט אין זיין געזיכט,
ווערט פון שכינה-שימער — בלינד.

ד

אין אַ קלומעק אויפֿן אָרעם
טראָגט דער גייער דעם באַגינען,
פֿון זיין בלומענקראַנץ אויף קברים
ברענגען האָניק אונדז די בינען.

פֿון לייוונטענעם זאַק ער שיט
שטערן און לבנה־שטראַלן,
צירט־אוים די גערטענער אין צווייט,
אין נעפּלען — ראָזעווע וואַלן.

פֿון זיין טאָרבע, וואָס איז פֿול
מיט אבן־טובֿן, ברויט און זאַלץ, —
טוט־אָן די נאַכט אַ בלויען טיול,
אַ שנירל פּערל אויף איר האַלדז.

ה

די גרויע פֿעלדער האָט דער גייער
איינגערוימט פֿון מאַרש זיין סוד:
אין אַ ווייסן חופּה־שלייער —
אָנגעטאָן דעם קאַרשנסאָד.

איבער שטעטלעך אָפּגעברענטע,
דורך אַן אומזעבאַרער האַנט
מיט גרינע קרייטעכער און מיענטע
אויסגעהאַפּט דאָס גרויע לאַנד.

און געגידערט צו מאַידאַנעק;
מיט אַ שטראַל פֿון זונאויפֿגאַנג
אויסגעשפּינט דיר פֿון רומיאַנעק—
אַ זיידן שלאַפֿראָק, אַ געשאַנק.

ו

שטיי־אויף פון דרימל, שוועסטער ליבע,
די שוואַלב אין הימל פּלאַטערט הויך,
דער ווינט פֿאַריאָגט די וואָלקנס טריבע —
פון דיינע ביינדעלעך דעם רויך.

אין אַש פון אונדזער חרוב הויז
בלויט־אויף אין סאָד דער מאָרגנשטערן,
און אין גאָרטן יעדע רויז
בליט פון דיינע מיידל־טרערן.

דעם מילך פון דיין פֿאַרשמאַכטן דור
פון דיין ברוסט איצט זויגן שלאַנגען,
נאָר פון דיינע בלאָנדע האָר —
דער ווייץ אין פעלד איז אויפגעגאַנגען.

ז

אָרום דיין בילד אויף מיין קאָמאָד
די שפּין אַ ראָם אַ שוואַרצן וועבט,
און אויפן קאַרשנבוים אין סאָד
אַ היישעריק פון הימל שוועבט.

אפשר ביסטו, שלאַנקע כלה,
גלייך צום סאָד אין חופּה־שלייער,
שפּיגלסט אינעם סטאַוו דיין טאַליע
פאַרן אויסדערוויילטן גייער:

— יונגער ריטער פון מיין טרוים,
פאַרטיליק אונדזער מערדערס זאָמען.
ס'קעמט דער ווינט דעם קאַרשנבוים
און ער ענטפערט אַפּ דיר: — אָמן.

ה

שפילט דער ווערסנע אויפן פידל,
ווערט זיין זוניק אויג פארטרערט,
וואס פארלאָשן האט אַ רידל
דיין צאַפּלדיקן גוף — מיט ערד.

און די נאַכט, פאַרהילט אין טרויער,
צו דיין וויג טוט זיך אַ נויג:
— אפשר איז דער באַרג — דיין אויער,
און די סאַזשלקע — דיין אויג.

אפשר רוישן טייכן פולע
פון דיין פאַרהוילן האַרץ דעם טאַקט,
אָ, עפן דיינע אויגן, בתולה,
פאַרן פרילינג אויפן טראַקט.

ט

ס'האָט דער פרילינג, בלאָנדע שוועסטער,
דורך סטרונעס — דיינע האָר פון זייד
פונעם דעמבענעם אָרקעסטער —
דערהערט דיין בלוט פון דר'ערד, וואָס שרייט.

און געקרייזט איבערן היגל,
מיט ליד געמאָסטן דעם אין־סוף,
מיטן פאָך פון זיינע פליגל
דיך אויפגעוועקט פון ליימיק שלאָף.

ער האָט זיך פאַר דיר פאַרקליידט
פאַר אַ פויגל אויפן קליאָן
און אין אַ ווייסער חופּה־קלייד —
אין גריקע־פעלד דיך אָנגעטאָן.

י

ער איז דער רעגן און דער ווינט,
דער דונער אויפן קאָפּ פון יענעם,
וואָס האָט פאַר זיין אייגן זינד
פאַרטריבן דיך אומזיסט אין גיהנום.

ער איז דער אָדלער אינעם סאָד
געוועזן הינטער מאַידאַנעקס דראָטן,
פאַרצוקט די פויסט פון שד, וואָס האָט
דיין היילִיק לייב אין פעך געבראָטן.

ער איז אין גראָז דער טראָפּן טוי,
וואָס לעשט-אויס פון דיין האַנט דעם נומער.
ס'איז זיין געשטאַלט דער הימלבלוי
און זיין ליבשאַפט — איז דער זומער.

יא

דעם רויטן וויין פון שקיעה-פּאַס
איך טרינק פאַר אונדזער פרילינג, קינד,
פון דיינע ביינדעלעך דעם אַש,
האָט נישט פאַרוויט אין פעלד דער ווינט.

נישט אויסגעזויפט די בלויע שיין
פון דיינע אויגן האָט אַ קראָ,
דעם פרילינגס פידל, שוועסטער מיין,
איז פון דיין געוויין דער דנאָ.

זיין ים'יק האַרץ איז תמיד וואַך,
און רוישט פון אייביקייט דעם ניגון.
נאָר דער קוקוק אינעם סכך
איז פון אונדזער בראָך — אַנטשוויגן.

יב

הויב־אויף דעם בעכער וויין פאַר דעם,
וואָס האָט דיך, קינד, פון שטויב דערהויבן.
זויג־אוים די זון אונטער זיין ברעם,
דעם זאַפט פון זיינע ליפן־טרויבן.

ער איז דער שטערן, וואָס בלויט־אויף
ביינאַכט הינטער דיין גרינעם לאָדן,
דער וויינגאָרטן ביי דיר אין הויף
און אונטער דיינע פים — דער באָדן.

די וואַרעמקייט פון דיינע הענט,
דער בלויער רויך פון די מעת־לעתן,
און פון דיין היים די גרויע ווענט,
וואָס פאַרבאָרגן דיך פון יעסיען.

1948

ווידוי-ליד

איך הענג און איבער מיר אַ ליכט פון וואַקס —
אין לייכטער ערדענעם איצט ברענט די שקיעה;
עס איז מיין שטריק געווען דאָס פעלד מיט פלאַקס
און דער פלוימענבוים — מיין בלאָע תליה.

איך הענג און אונטער מיר דער קילער טייך
פליסט אייביק ביי דער מוטערלאַנד אין שווים,
נאָר ער וועט געבן זיך אַ ריס צו אייך —
און אין מיין טרער פאַרזינקען אייער הויז.

ער וועט פאַרוויגן אייך אין אָרעמס-וועלן,
און ווען די זון וועט אין די בערג פאַרגיין,
וועל איך זיך אין אַ גרויען וואָלף פאַרשטעלן,
קריצן הינטער אייער שוועל מיט טויטע ציין.

דער ווינט וועט זיין פאַר אייך מיין טריבער אָטעם,
רוישן יעדן חצות מיט צער אין אייער שויב,
פאַרוואָס אין דרויסן נאָר געלאָזט איר האָט אים,
און פאַר מיין ליד זענט איר געוועזן טויב.

ווי דער מולד וועט מיין קאָפּ אויפשיינען
איבערן דאַך פון אייער יעדן גוט,
נאָר אויף אייער טיש די רויטע וויינען
וועט אפשר זיין מיין אויסגערונען בלוט.

אַ בערגל שטיינער וועט די צונג מיך לייִמען,
נאָר פון דעם זינגפויגל אין שטייג פון שטאָל,
וואָס טרעלט אין אייערע באָרוטע הײמען —
איר דערהערן וועט מײַן ווידערקול.

ווי די קוקאָווקע, עלנט, אין טומאַנען,
האָב איך געקלאָגט, פאַרוואָס דער טאָג רינט־אויס,
נאָר איר האָט נישט מײַן ווײ פאַרשטאַנען —
זיך פאַרבלענדט אין שײַן פון קאַלטע אוצרות בלויז.

און ווי די שטראַלן־קרוין פון דעם פרימאָרגן —
מיט פאָרכט דאָס האַרץ פון חומר אויסגעשיילט,
נאָר איר האָט עס מיט שפּאָט דערוואָרגן,
מיט איר גנאָד — די אײַפערזוכט נישט אויסגעהיילט.

מיט וווּנדן גליאיקע פון דערנער־וועגן
אַ חלום אויסשפּינען איז מיר געווען באַשערט
און ער איז אויפגעגאַנגען מיך אַנטקעגן —
ווי אַ רעגנבויגן אויף דער גאָרער ערד.

דער חלום נאָר געוועזן איז מײַן וואָר,
און זי, מײַן לויכטנדיקע מאַמע־לשון
האָט אין האַרץ פון מײַן פאַרלענדטן דור,
ווי דאָס מזל מײַנס — זיך אויסגעלאָשן.

מיט שטערן־דופט פון אַ קרישטאָלן נאַכט
איר בלויער פליגל איבער מיר פלעגט פאָכן,
כ'האָב די אויגן מײַנע אויפגעמאַכט —
און דעם חלום אָן דער גאָלער ערד צעבראָכן.

פון זיינע זאַפטן זאָל די ערד אויסטראָגן
פּאַשע פּאַר די טשערעדעס אין פּליינען;
די ברוינע שעפּסן וועלן נאָך מיר קדיש זאָגן
און די ווייסע ציגן וועלן מיך באַוויינען.

ערדישע שיין

אַ חתונה

א

דעם הונט ליבט די צויג, דעם קאַטער — די קאַץ,
נאָר מיינע פריינט זיינען די דאָזיקע אותיות;
מיין לאַנד איז דאָס ליד, יעדער סטראָף — אַ פּאַלאַץ,
מיין מאַמע, די ליכט אויף מיין טישל — זי ווייס עס.

דאָס האַרץ מיינס — אַ וווּנד, די ליבע איז יאָד.
כ'האָב חתונה היינט מיט דער מלכה פון פרילינג;
מיין כלה, דער ווייסער דער בליענדער סאָד,
איז פון מיין געשאַכטענעם זיווג — דער צווילינג.

דעם ברוינעם באַראָן און דעם באָק, וואָס איז בלינד,
אויף מיין חתונה האָב איך פאַרבעטן,
פונאַנדערגעשפּרייט האָט מיין חבר דער ווינט
פּאַסיעקעס פאַר זיי — מיינע גרינע בילעטן.

איך האָב געוויינט, און דורך נאַכט איז איעדער
גאָרטן פאַרשריבן געוואָרן מיט גראָז,
איינגעטונקט אין מיין טרער איז געלאָפן מיין פעדער
אויף די לאַנקעס — אַן אונטערגעצונדענער האָז.

— מחותנימלעך חשובע — שרייב איך זיי — קאָמט,
איר אַלע, וואָס קאָנט ווי איך שטומען,
איר וועט נישט מיין שמחה פאַרשטערן מסתמא
און אויף מיין חתונה קומען.

ביי מיר זיינען אַלע קרובים גלייכע:
סיי מתושלח — מיין פעטער דער בלינדער,
סיי די יאַלאָווע קו — מיין מומע די רייכע,
סיי די קעלבער און טעלעצעס — זייערע קינדער.

מחותנים געשעצטע, קראַצט אויס זיך די בערד,
מחותנת׳טעס, פוצט זיך אין אייערע שפּיגלען די קרענעצעס,
לעמאַנעשעס, פעטערל, אָרעמער פערד,
נעם־מיט די לאָשעקלעך — מיינע פּלימעניצעס.

חתונה האָבן גייט וואָגלער אלחנן בן מאיר,
דער שווייגער, וואָס איז נע־ונד,
מיט דער יתומה, הבתולה דעם סאָד אינעם ווייסינקן שלייער,
חודש אייר, שנת תרצ״ד.

כ׳וועל לאָזן די בערן די גראָבע אָפּבראָטן,
פאַר אייך צו דער סעודה׳לע, טייערע ברידער,
מיין פריינדין, די גראָע קוקאַווקע, וועט זינגען די נאָטן,
פאַרפאַסטע צו מיינע פאַרצווייפלטע לידער.

אויף דער סעודה ביי מיר, מחותנים געשעצטע,
וועט איר ליקיאָרן און קאָניאַק הייַנט לאָקטשען,
און פון די לייבן די דיקסטע און פעטסטע
וועט איר די ביינדעלעך סמאָקטשען.

מיין קרוב, דער געלער קאַנאַריקל, וועט אין מיין סידור
איבער די וועלפּישע בלוטן די וויינען מאַכן דעם קידוש,
און איבער די שטרודלען די זיסע, די שלאַנגישע גלידער,
זינגען וועט ער ברכות אין יידיש.

ב

אונדזער חופה וועט זיין אין די פעלדער,
די זאלן פון ליימיקן פאלאץ, פון ליטע,
שענקען מתנות איך וועל דיר,
אָ, כלהניו פלוימענסאַד, האַרך אוים מיין ביטע:

נישט ציטערן זאלסטו, ווען אין דיינע האָר ביידערנאַכט
דער בדחן דער שווארצער, די סאָווע, וועט קלאָגן,
כ'וועל אָנטאָן ביי דיר אויף די פינגער געשליפענע רינגען — פארנאַכטן,
און אויף דיין האלדז מעדאַליאָנען — פאַרטאָגן.

כ'האָב בלויע טומאַנען געוועבט פאַר דיר, זיידענע קליידער,
און סאַזשלקעס, שווארצע ליאַקירענע שיך, דיר געגעבן.
אָט־דאָ, אינעם טאָל, אין באַזונדערן חדר
וועלן מיר ביידע די יאָרן אויסלעבן.

מירן שלאָפן אין דאָרף — אונדזער הילצערנער בעט,
צוקאָפּנס די שטרויענע דעכעלעך פון די כאַלופּעס,
כ'וועל צעברעכן דעם פּאַרקאַן — דיין ענגן גאָרסעט
און דיך קושן מיט זון — מיינע ברעניקע לופּעס.

אָ, כלה, יתומה, מיין הייליקע בתולה,
כ'וועל מיט ווארעמע רעגנס באַפרוכפּערן דיך — מיט מיין זוימען
און דו וועסט מיר קינדער געבוירן אַ פולע —
טעכטערלעך בלויע און פיאַלעטאָווע פלוימען.

אויך זינדעלעך — רויטינקע עפּעלעך סערע,
וועט מיר געבוירן מיט מזל דער סאַד.
נישט לאַך פון מיר, איידעלע לעזערין מערי,
דאָס הארץ מיינס — אַ וווּנד און די ליבע איז יאַד.

צווישן קליאַזמע און סטראָיטעל

א

צווישן קליאַזמע און סטראָיטעל
פֿאַראַן אַ שטעטעלע — טאַראַס,
ס׳איז מיין האַרץ פֿון דעם אַ דריטל,
יעדער פינגער מיין — איר גאַס.

יעדער פינגער מיין — איר גאַס —
פירט די טשערעדע אין פּליין,
ווו אַ גאָלדענער קאַראַס
לויכט אין זילבערנעם באַסיין.

צו דעם זילבער־טיפֿן סטאַוו
אין גאָרטן, ווו מיין יוגנט גרינט,
קומט אַ פרוי מיט אַ קאַראַף
שעפּן וואַסער פֿאַר איר קינד.

אָט די שיינע פרוי ווער איז,
ווײַס נאָר די זון און איך אַליין,
מיט מיינע ליפּן אירע פיס —
איך וואַש אין מיין געוויין.

ווער עס איז איר פּיצל קינד,
ווײַס אויך די בלאָנדע האָניקרויז,
אין פלוימענסאַד דער יונגער ווינט,
די אַלטע ווערבע ביי איר הויז.

ב

אין שוים פון שטעטעלע טאַראַס
שאָלט דער פּאַסטעך אין זיין האָרן
און דאָס ליד, וואָס איך פאַרפּאַס,
זינגען שוואַלבן פון זכרון.

ווי די גרויע שוואַלב איך שוועב
אין מיין בלויער פּאַנאָראַמע,
וו עס פלעכט די בלאָנדע צעפּ
ביים שפּיגל־קוואַל די יונגע מאַמע.

סעדער פון איר אָטעם ווייען
און אין סטעפּ די גאָלדנע זאַנגען,
אין דער נאַכט פון זיסע ווייען —
פון איר טראַכט איז אויפגעגאַנגען.

אין איר סאָד דאָס שוואַלבנליד
כ׳האָב אין מיין חרוב וויג געהערט,
מיינע שטרויכלענדיקע טריט —
זי באַשיצט האָט מיט איר ערד.

זי, די שלאַנקע פרוי, איז גלייך
צו מיין מוטערלאַנדס געמעל,
און מיין האַרץ — דער פרילינגס־טייך,
רוישט אין טאָל הינטער איר שוועל.

ג

אַן אָדלער האָט אויף שוואַרצע פליגל
פאַרטראָגן מיך פון מוטערס שוים;
ס'איז מיין האַרץ אַרוים פון וויגל,
קלאַפּט אין טיר פון פרעמדער הויז.

און צאַפּלט זיך — אַ פיש אויף דר'ערד,
געפאַנגען פון דער מאַמעס ברוסט,
וואָס האָט עס מיט איר קוואַל גענערט
נאָר איך פון דעם האָב נישט געוווּסט.

— — — — — —

דאָס ליימיק שטעטעלע טאַראַס
געווען בין איך אַמאָל אַליין.
יעדער פינגער מיין — איר גאַס —
פירט אַרויס די שאָף אין פליין.

און דער גאָלדענער קאַראַס,
וואָס טרינקט די שיין פון שטערן
פונעם קוואַל, וואָס איך פאַרפאַס —
וועט נישט פאַרלאָשן ווערן.

צו דעם זילבער-טיפן סטאַוו
אין גאָרטן, וווּ מיין יוגנט גרינט,
קומט די פרוי מיטן קאַראַף
שעפּן וואַסער — און פאַרשווינדט.

איינציקע

פרוי מיינע, איינציקע, ווו דו װעסט גײן,
בין איך — דער גרויער וועג פון שטיין.
איך בין די זון און דער רעגן —
דיר, מײן באַשערטע, צו קומען אַנטקעגן.

פרוי מיינע, אין דיין בעריאָזעווער היים
בין איך — די נאַסע וואַנט פון ליים.
איך בין דאָס פייער, וואָס ברענט אין דיין קיך,
און דאָס בענדל פון דיינע שיך.

אייביק פאַרלוירענע, פרוי מיינע, גלויב:
איך בין דער שטערן, וואָס גליט אין דיין שויב
און דער לינדער אָוונט-ווינט,
וואָס פאַרוויגט מיטן טיכל דיין קינד.

שלאָפסטו איין, בענטש איך דיינע ליפּן,
נאָר אַליין וואַך איך אויף אינדערפרי;
איך בין פון דיין טיר דאָס כליפּען,
ווען דו באַטרעטסט די שוועל צו דיין מי.

דער שטאָך פון נאָדל כ'בין אין דיינע פינגער,
נאָר די שיין פון גאָלדן העמד,
וואָס דו נייסט דער וועלט— מאַכט גרינגער
מײלן ווייט זיין איינעם, אינדערפרעמד.

כ׳בין דיין שער און טרייער פינגערהוט,
דיין ווייסער פאָדעם, וואָס זיך ציט ביז פוילן,
איבער קברים, טייכן בלוט —
נאָר אָפּגעריסן כ׳בין פון דיינע קנוילן.

איך בין די ראָבינע הינטער דיין טיר,
אויף דיין ברוסט, ביינאַכט — דאָס שטום פּאַפּיר...
פרוי, אַנשטאָט דיך אַליין צו ליבן —
דאָס ליד מיט טרערן כ׳האָב געשריבן.

איך בין דאָס וואַסער, וואָס דו נעמסט צום גומען,
אויף דיין ווערבע־טיש — דער שוואַרצער ברויט.
דיין לעבן כ׳בין, נאָר איך וועל קומען,
און אויך זיין אַמאָל — דיין טויט.

איך בענטש דיר אויף מיין פייפיאָל

איך בענטש דיר אויף מיין פייפיאָל —
דעם וועג צו דער זון, וואָס מיך פירט.
— זיי געלויבט, וואָס דו האָסט פון מיין עול
אַ זילבערנע ליכט אויסגעקנאָטן.
און טועם געווען פון מיין צער —
דעם ליימענעם בעכער מיט ספּירט.
אונטערן באַרג פון פּאָנאַר —
ליגט מיין האַרץ פאַרשאָטן.

דער וועג צום באַגין איז די נאַכט,
עולה־רגל צו אים זיינען נאָר די גערעכטע.
מיין נאַקעטן גורל, וואָס לאַכט,
באַקלייד נישט אין גילדענע טרערן.
זיי מיר אַ שוועסטער, אַ מאַמע
און זאָל דיין האַנט די רעכטע
איבער מיין היים פון סאַמע
ליבשאַפט — אָנצינדן מיין יוגנט־שטערן.

דאָס מיידל פון מיינע חלומות

דאָס מיידל פון מיינע חלומות
אַנטהילט האָט דעם שלייער פון וואָר.
מיין וועג צו פאַרלוירענער היים איז
דער שרונט פון איר קאָפּ בלאָנדע האָר.

דאָס ליד פון דער זון און די שטערן
זי שרייבט אויף דער ערד מיט איר זויל.
דעם סוד פון מיין בענקשאַפט און קלערן —
אַ שוואַלב זינגט אַרויס פון איר מויל.

אין לאַנד פון מיין האַרינטעם אויגן
בלויט אייביק דער טאָג אין אין־סוף,
דער טייך נעמט די ווערבעס אַנזויגן,
אַ פּאַסטעשקע — פּיטערט אַ שאָף.

עס אָטעמט מיט נעפּלען דער היגל,
און אונטער זיין טעכטערלם ברעמען
עס לויכטן אין ליימענעם קריגל
די וואַרעמע טרערן — דער ניעמאַן.

איר האַרץ שווימט אַרוים פון די ברעגן
און קלאָגט פאַר די רויזן צעגליטע:
— אָ, ווער האָט מיט אייזערנע וועגן
מיין סטאַדע געיאָגט צו דער שחיטה?

זי שפּילט אויף אַ ווערבענער פּייפל
אַ הימן דעם טאָג דעם ליבן,
וואָס פון אַ שאָפּענער הייפל
אַ שעפּעלע איינס איז פאַרבליבן.

ס׳געוויין פון פאַרשניטענער אומה
איז פון איר פּייפל דער ניגון.
אין פעלד קניען ווערבעס די פרומע,
ווו שעפּעלעכס ביינדעלעך ליגן.

אַ ווערבע אין שטורעמווינט ציטערט,
אין מיידלס אויג כישופט דער פליין.
איך בין דאָרט די לאָס, וואָס זי פּיטערט,
דאָס פּאַסטעשקע — איז זי אַליין.

אויף מילכוועגן איז מיין געזינד
פאַרגאַנגען דורך רויך און דורך פלאַמען,
אין אויג פון מיין תמימותדיק קינד,
געפין איך אַ לאַנד און אַ מאַמען.

די פרוכט פון איר ביינענער דלאָניע
גייט-אויף פון דער ערד, וואָס מיך קלעמט,
איר גאָלדן געזיכט— די לבנה —
באַלויכט מיינע נעכט אינדערפרעמד.

האַרבסט-נאָקטיורן

א

מיט טויזנט נעכט יינגער
פון מיר ביסטו, קינד,
איך בענטש דיינע פינגער,
די וועגן פון זינד.

איך האָב דיך העלטער
פון בוים און פון גראָז,
נאָר פון מיין עלטער —
אַ טרער איז די מאָס.

אין גאָרטן דאָס בלימל
פון פראָסט ווערט פאַרדאַרט,
די לבנה אין הימל
האָט מיך אָפּגענאַרט.

זי האָט מיט איר ליכט
און מיט שטראַלן פון גאָלד
דיין הערלעך געזיכט
אין מיין טרוים אויסגעמאָלט.

די קוקאַווקע אין וועסנע
פלעגט זינגען דאָס ליד
פון דיין ליפּ — די טשערעשנע,
אין שיינקייט וואָס גליט.

אַנטפּלעקט האָט פון נעפּל
דאָס קוועלכל וואָס פליסט
דעם סאָד פון די עפּל,
דיינע טויאיקע בריסט.

דו הילסט זיך אין רויזן,
אין פעלדער פון ליין,
נאָר ווינטן אַנטבלויזן —
דיין ערדישע שיין.

ווי אַ הונט אויפן שוועל
זיין הערשער דערוואַרט,
האָב איך אין דיין זעל
זען מיין אָפּבילד געגאַרט.

מיין בעריאָזעווע טיר,
וואָס פון נאַכט מיך באַהאַלט,
זיך צעזונגען פאַר דיר
האָט מיט פייגל פון וואַלד.

געטאָן האָט אַ בלענד
פון דיין וויע מיין דיל,
מיט דער זון אויף די הענט
כ׳בין אַוועק אַ קאַדריל.

מיין האַרץ האָט אַ רויש
געטאָן — אַ באַראַבאַן —
צו דער אייביקייטס שויס
אויף די פליגל פון שוואַן.

געשוועבט מיט דער אינד
איבער בערג צום גן־עדן,
מיין בענקשאַפט, וואָס גרינט,
מיט איר פרוכט צו באַשיידן.

מיט מילכוועגן ווייסע
אין נאָדלען פון בוימער
געשפונען אַ מעשה
די נאַכט האָט דעם טרוימער.

— — — — — —

דערוואַכט כ׳האָב פון דרימל
צעווישן פיר ווענט,
ווי מיין וווּנד האָט אין הימל
די לבנה געברענט.

מיין האַרץ פון געזאַנג,
אויף געלעגער פון שטרוי,
געדריקט האָט אַ שלאַנג,
אַ האַנט פון אַ פרוי.

ב

מיין קינד, כ'האָב דיך העלטער
פון בוים און פון גראָז,
נאָר פון מיין עלטער —
אַ טרער איז די מאָס.

עס אָטעמט די נאַכט
מיט סם פון שיכורים,
אין גאָרטן עס לאַכט
פון מיין עלנט דער שטורעם.

עס שפילט דער געוויטער
אויף האַרפע, דעם רעגן —
דאָס ליד פונעם שניטער,
וואָס רייט אויף די וועגן.

עס טאַנצט אין די סקווערן
אַ וואַלס די זאַווי.
אין שענק טרינקען הערן
דיינע אָרעמס פון שניי.

זיי הוליען אויף בעלער
און זויפן מיט וויעס
די הינער פון טעלער —
ווי וואַרעמע שקיעות.

זיי פרעסן געבראָטנס,
נאָר אויגן פון טויבן
ווי שטערן דורך שאָטנס
עס גליען אין שויבן.

אין די פענצטער עס בלויט
אויף אַ טשערעדע פי —
און פון מיין האַרצם שרויט
הילכט־אויף דער אינדערפרי.

בעת דו לייגסט זיך שלאָפן,
דאַן שטיי איך שוין אויפעט;
די נאַכט צו באַשטראָפן —
דער טאָג איז דער שופט.

אים לידער פאַרפאַסן
די שוואַלב און דער האָן.
און ס׳קלינגען די גאַסן
פון זיין פאַעטאָן.

געגליט איז פון פייער
זיין גאָלדענע שפּיז;
דיין הונט דער געטרייער
וואַכט ביי דיינע פיס.

די גאַס איז אַ קייט
אין טראָט פון דיין היטער.
צום שאַרך פון דיין קלייד
ער פאַלט אַ געשמידטער.

דיין בעכער מיט וויין —
פאַר זיין טרויער איז קליין.
און ער בייסט אַריין
אין דיין לייב זיינע ציין.
— — — — — —

דאָס האַרץ פֿונעם זינגער,
פֿאַרשוועכט האָסטו, קינד.
איך שעלט דיינע פֿינגער —
די וועגן פֿון זינד.

כ׳האָב דיך אויסגעקנאָטן
אין פֿורעם פֿון לידער,
נישט גאָט, נאָר דער שטן
זינגט פֿון דיינע גלידער.

איך בין איצט אַ טאָפּאָל
אָן בלעטער פֿאַרבליבן;
די פֿרוכט פֿון מיין נאָפּל
ווי שוואַלבן זיך ליבן.

מיין שטערן וועסטו נישט דערגרייכן

מיין שטערן וועסטו נישט דערגרייכן,
מיך ווערגט דער חלום פון דיין אָרעם;
די נאַכט גליט־אויף פון מויל דיין צייכן,
די זון גייט אויף פון מיינע ספרים.

האָסט אָנגעזויגן מיך מיט שנאה,
צו דיינע קני — אַ קינד איך נידער;
און אין מיין האַרצן וויינט די שכינה —
אין זשאַר פון דיינע טרייפֿע גלידער.

אָ, טעכטערל פון דעם נישטגוטן,
איך וואָלט אַ שטויב פון ערד געוואָרן,
נאָר דו האָסט מיר אַ שוואַלב געבאָרן
אין וויינגאָרטן פון מיינע בלוטן.

איר אָטעם־הויך אין זיידן קאָרן —
רוישט־אויף אין ליכט פון מיין זכרון.

דריי מתנות

א

ווען דו שמירסט באַגין די ליפּן,
שמייכלט דיין געזיכט מיט פּודער,
הער איך פון דער ערד דאָס כליפּען
פון דיין קליין, געשאָכטן ברודער.

ווען דו שלאָפסט אין פרעמדע אָרעמס
פון אַ צווייטן, אין די נעכט
היט איך דיינע שוועסטערס קברים,
וואָס דו האָסט מיט זינד פאַרשוועכט.

אין דיין אומה׳ס שימות, תחינות
זאָגן קינות איצט וואָראָנעס;
צו איר יתומה׳ס אימענינעס
צוגעגרייט כ׳האָב דריי מתנות.

ס׳פּלאַפּלען ראָבן פון דיין פּירונג —
איך וועל דורך דער ווייסל, שלאַנג,
שיקן דיר אַ שאַכטל צירונג —
דעם אַש פון פאָלק דיינס, אַ געשאַנק.

אין מערב-לאַנד ביסט נע־ונד
פון מיר פאַרגאַנגען מיט דער שקיעה,
כ׳וועל שיקן דיר אין ווינט אַ בלאַט
פון ווײַנשלבוים — דיין טאַטנס תליה.

און מיט דער ליבער שוואַלב דער גרויער,
וואָס פלאַטערט אויף דער געטאָ־וואַנט,
שיקן דיר, מיין יפת־תואר,
אַ ביינדל פון דיין מאַמעס האַנט.

ב

דורך ימען, קרענעצעס און קוואַלן
ברויזט דיין מאַמעס טרער, וואָס איז
געוועזן דיין זון, אין פּערל־שטראַלן
וואַשן פלעגט זי דיינע פּיס.

אין רויזנטוי — דיין קאָפּ געצוואָגן,
פאַרפלאָנצט מיט איר געביין דיין ברויט;
פייגל אויף איר קבר קלאָגן:
— דיין טאָכטער איז אַ גאָסן־מויד!

— זי האָט אין ריין איר לייב געבאָדן —
פליסטערט מיר אַ ווייסל־כוואַליע,
און דער ווינט קלאַפּט אין מיין לאָדן:
— דיין ליבסטע איז דעם שטנס כלה!

דיין מאַמע, הינטער מיינע שויבן,
פאַרשטעלט אין אַלטן ווערבע־בוים,
בענטשט די אייניקלעך די טויבן,
וואָס זינגען שירה אין איר טרוים.

זי עפנט־אויף די אויגן שטאַרע,
שטרעקט־אויס די הענט צו אירע זין;
פאַר זיי זיינען די פינגער דאַרע —
געוועזן די וועגן צום באַגין.

זאָלסט מיט זינד איר טרוים נישט שטערן,
די לבנה איז איר בלייך געזיכט,
אויפן הימל ברענען שטערן —
אירע גאָלדענע שבת־ליכט.

ג

מיר האָבן זיך אין סאַד באַגעגנט,
די ערד האָט פרוכט אונדז צוגעגרייט,
דער הארבסט אויף אירע וועגן רעגנט,
נאָכסאָל זיי האָבן אונדז צעשיידט.

אויף דיין היגל-ברוסט, דורך טרערן,
געוועקט האָב איך מיין פאָלק פון שלאָף,
פון דיין מויל געוואָלט דערהערן
זיין פאַרשטיקטן קול פון ראָוו.

דערזען אין דיינע בלויע אויגן
מיין ברודערס שמייכלענדיק געשטאַלט,
און פון דיינע ליפּן זויגן
זיין אָטעם, וואָס באַהויכט דעם וואַלד.

זיין פּנים האָט די ערד פאַרהוילן,
נאָר דורך אַ ווינט פון באַריטאָן
זיין הארץ קלאָגט אונטער דיינע זוילן,
ווען דו טאַנצסט אַ טשאַרלעסטאָן.

אין דיר פאַרפלאָנצט האָב איך זיין לעבן,
נאָר אָנשטאָט מילך פון דיינע בריסט
האָסטו מיין עופהל סם געגעבן —
אַ צווייט מאָל אים געטויט אומזיסט!

האָסט מיין בלוט — אויף גאָלד צעלאָזן,
פאַרברענט מיין קינד אין תאווה-לייב.
דיינע שוועסטער וועלן אונטער גראָזן
נישט מוחל זיין דיין זינד, מיין ווייב!

ד

כ'הער אין פעלד דיין מאַמעס כליפּען
און די זיפצן פון דיין ברודער.
מיט זייער בלוט שמירסטו די ליפּן,
זייער אַש איז אויף דיין באַק דער פּודער.

דורך קישנס פון דיין שלאָף דעם זיסן
אין פרעמדע אָרעמס, אין די נעכט —
טויכט דיין מאַמעס האָר, זיי ווייסן,
וואָס דו האָסט מיט זינד פאַרשוועכט.

פון דיין טרער גיס־אויס אַ שפּיגל,
אין אים וועסטו דערזען דיין שפּאָט:
מיט אַ רינג פון שטנס זיגל
פאַרשוועכט האָסטו דיין האַנט, מיין גאָט!

פאַרלוירן טאָכטער, אינדערפרעמד,
דעם שטנס גאָלדן בליק נישט פאָלג,
מיט דיין פּערלשנור פאַרקלעמט
האָט ער דעם גאָרגל פון דיין פאָלק.

לעש־אויס פון האַנט זיינע אַלמאַזן,
דעם שפּיגל מיט דער נאַכט פאַרהענג,
פון תּלינס אָטעם הויכט מיט גאַזן
און זיינע אָרעמס זיינען שלענג.

דיין פאָלק, וואָס איז פון דר'ערד פאַרשניטן,
איז פון זיין געבורט דער לוין;
איך וועל מיט מיין ברוסט פאַרהיטן
דאָס לייב־און־לעבן פון המון.

דער פויגל וואָס זינגט אויף מיין דאַך

בלויז דער פויגל, וואָס זינגט אויף מיין דאַך,
פון מיין בענקשאַפט צו דיר קען די שפּראַך,
מיט די טרעלן פון קעל ער וועבט־אויס —
די נעכט פון דיין טרייסטפולן שוים.

ער הויערט אין דאָרף און אין שטאָט,
מעסט מיט שירה די טעג פון דיין גנאָד,
ביז דער זונפאַרגאַנג הינטער מיין הויז —
אין זיין בלויען געזאַנג לעשט זיך אויס.

ווען זיין בלויער געזאַנג ווערט אַנטשטילט,
מיט זיין פליגל — די ערד ער פאַרהילט,
ביז זיין ניגון אין ליכט זיך צערינט
און אין פענצטער — דער דרויסן באַגינט.

מיט ליבשאַפט פון טרוים ער באַשיידט
די וואָר, וואָס מיט זינד אונדז צעשיידט,
און מיט פלאַטער פון וואַלדיקער ווייט —
ער רוישט־אויס דיינע לאָקן פון זייד.

דאָס האַרץ פון געבעט ער צעלאָזט
אין דער זון, וואָס אין מזרח זיך ראָזט,
אַז זי זאָל דורך פעלדזיקע ווענט —
ווידער אויסשטראַלן מיר דיינע הענט.

פון זיין קעל טוט דורך נעפלען אַ הילך
אויף מיין שוועל פרישע קוואַלן מיט מילך
און עס לויכטן אַרום איבער זיי —
דיינע בערגיקע בריסטן פון שניי.

אין געוועב פון זיין האַרבסטיקער ליד
שאַרכן רעגנס אין הויף דיינע טריט,
מיט אַ רויז אין די שמייכלענדע ציין —
פון זיין תפילה דו טויכסט־אויף אַליין.

זיין טרעלנדיק אומזעבאַר צונג —
דאָס ליכט פון דער וועלט טוט אַ שלונג,
און דער אָטעם פון טאָג הויכט־אויס באַנג —
אין דעמערונג פון זיין געזאַנג.

ווען דער טאָג אינעם נעפל צערינט,
און דער פעלדז, וואָס צעשיידט אונדז, פאַרשווינדט,
ער שפּרייט־אויס זיינע פליגל פון נאַכט —
ביז מיין קאָפּ אויף דיין אָרעם דערוואַכט.

די נאַכט, וואָס איז הייליק און שוואַרץ,
האָט צעמאָלן אויף שטערן מיין האַרץ.
ווי דער זונפאַרגאַנג הינטער מיין הויז —
וועט פאַרזינקען מיין קאָפּ אין דיין שויס.

ערגעץ
איף אַ זעקסטן גאָרן

כ'האָב היינט אָנגעטאָן דיין ווייסן סוועטער

כ'האָב היינט אָנגעטאָן דיין ווייסן סוועטער,
עס האָרכט, ווי ס'פּיבערט מיין פאַרגליווערט האַרץ,
וואָס האָט איר נעסט פון גרינע בלעטער
פאַרלוירן, שוועסטער, אויף דער וועלט דער האַרטס.

נישט אין רחבותן פון מוטערס אָרעם,
אין שטיין פאַרקלעמט האָט עס די שלאַנגענבאַן;
און ס'גראָז פון מיינע ברידערס קברים
פאַרוועלקן, שוועסטער, אין מיין טשעמאָדאַן.

עס שיפּעט אוים די באַן די וויטן
פון ערדס גרענעצאויג פון שטאָל, וואָס וואַכט,
און פויזעט מיינע טעג אויסבייטן
אויף חלומות בלויע פון דער נאַכט.

כ'וואָלט אויך אָן דיר פאַרוועלקט געוואָרן,
האָסטו מיטגעגעבן מיר אין מיין גאַנג
די זריחה־שיין פון פעלדער קאָרן,
וואָס שיצט מיך, שוועסטער מיינס, פון זונפאַרגאַנג.

מיינע בליענדיקע פעלדער גריקע
באַלויכטן אייביק מיר דעם וואַנדערוועג,
פון זייער טויאיקער יניקה
בלויען־אויף אויף פרעמדער ערד די טעג.

ס׳זויגט-אוים דער עלנט די נגינה
פון מיין הארצס פארהוילן קיניגרייך,
ווו פרומע ווערבעס פרעפלען תחינה
אויף שטערן גאלדענע פון תפילה-טייך.

זי פלאטערט איבער בארג און היגל,
צו טרייסטן די, וועלכע די ערד דעקט-צו.
און אין שאטן פון איר בלויען פליגל
די וויעס, שוועסטער מיינע, איך שלים-צו.

מיין הוילער ווערבעשטאק פון וואנדלען
פארוואנדלט ווידער זיך אין בלעטערקליאן
און ס׳ליד פון ראזשינקעס מיט מאנדלען
עס זינגען שוואלבן מיר אויף מיין באלקאן.

שפינסט פון שטראלן מיר א וויים פולאווער —
נאר ווען איך וויל דיך אויף דער ווער דערזען,
טויכסטו-אויף אין בלויער קלייד פון עבר
און כ׳דערקען דיך, שוועסטער מיינע, אין דער סען.

מיט כישופדיקע ארעמסוועלן
פארוויגסט אין שוים מיך מיט א הארפעטאן,
און דיינע רויטע שניר קארעלן
די זומערנאכט טוט אויף איר האלדז זיך אן.

כ׳בענטש דער זינגענדיקער סען דער בלויער,
דעם קליאן און זיינע שוועלבעלעך אין נעסט,
אויסער זיי פילט קיינער נישט מיין טרויער
און ס׳קומט אויך קיינער נישט צו מיר אין געסט.

ערגעץ אויף אַ זעקסטן גאָרן

א

ערגעץ אויף אַ זעקסטן גאָרן,
ווו די נאַכט איר קרוין צירט־אויס,
הויערן דריי לאַקאַטאָרן,
אַ ייד, אַ נעגער, אַ פראַנצויז.

דער בלאָנדער שכן איז אַ מאָלער,
דער שוואַרצער שאָלט אויף אַ קאָרנעט.
אויף זיין מזל זיפצט אַמאָל ער
דער דריטער שכן, דער פּאָעט.

און דער מאָלער מאָלט די שטערן,
וואָס דער זינגער האָט פאַרפאַסט.
ס׳קומט בלויז צו די קאַוואַלערן
אַ קאָץ אַ היימלאָזע צוגאַסט.

ווען דעם זונאויפגאַנג פאַרנעפּלט
אַ בלויער רויך פון דער שמינע,
אויפן דאַך אַ פויגל פּרעפּלט
דעם שכנס וואַנדער־ליד בעל־פה.

ביז אין שויב דער פּיאָלעטער
טריפן אויס די ווינטערס שטילע,
טוט דער פרילינג זיך אַ בלעטער
אין די טאָוולען פון זיין תפילה.

ב

דורך די ווענט פון זעקסטן גאָרן
קלעטערן צו דעם קאַרניז
צוויי אַקאַציעס און אַ דאָרן,
בעת אין דרויסן זומער איז.

בוקן זיך די צוויי בת-מלכות
צום זינגער, וועלכער שטאַרט אין שויב,
און צוויי ווייסינקע פּיאַלקעס
קושן זיי פון פּיס דעם שטויב.

קרעכצט דער דאָרן איינגעבויגן,
וואָס זיי האָבן אים נישט ליב
און אַ טרער פון זיינע אויגן —
דער באַסיין אין סקווער רינט טריב.

טרינקט דער הימל נאָר זיין טרער אוים
און פאַרוואַלקנט דאָס געזיכט,
די פּיאַלקעס פונעם סקווער אוים
רייסט אַ שטורעם אומגעריכט.

דער שטאַפּעט דעם מלך יעסיענס
רייסט אויך אוים די בלאָנדע צעפּ
ביי די אָרעמע פּרינצעסינס
און פאַרשווינדט אין הוילן סטעפּ.

ג

קאַלט איז אויפֿן זעקסטן גאָרן,
די קאַץ זיך טוליעט צום קאַמין.
די אַקאַציעס אַנגעוואָרן
האָבן די קרוינען פֿון בורשטין.

און דער ווינט דורך די שפּאַרונעס
קומט אויף נאַכטיגעלעגער אַהער,
שפּילן אויף די רעגנסטרונעס
פֿונעם אָפּגעבליטן סקווער.

און דורך אומזעבאַרע שטיגן
אין די הויכן פֿון סופֿיט,
ווען עס ווערט דער ווינט אַנטשוויגן,
שאָרכן פֿון דער נאַכט די טריט.

פֿליט דער ווינט פֿון דלד־אמות,
פֿון שטאָט די לאָדן ער פֿאַרמאַכט,
ס׳זאָלן אירע ליכט־רעקלאַמעס
נישט דורכשטעכן דאָס האַרץ פֿון נאַכט.

ווען דער ווינט פֿאַרציט אַ ניגון
אויף די גלאָקן פֿון מערי,
שוועבט די נאַכט פֿון זויגלינגס וויגן
און פֿאַלט דעם טאָג אירם צו די קני.

ד

בעת דער חצות אין שויב נעמט בלאָען
אויפן אויבערשטן עטאַזש,
אין אָנגערויכערטע ביסטראָען
שפּילט דער נעגער אין אַ דזשאַז.

און די טעג פאַרליבטע פאַלן,
בויגן צו דער נאַכט די שקיעות,
פון געהיימע טאַנץ-לאָקאַלן
לויכטן-אויף פון שטאָט די וויעס.

טויבן צו איר קני זיך מאַדליען,
נאָר פון איר גאַסן-לאַבירינט
מיט נעאָנען-שטראַלן — נאָדלען —
שפּינט די שטאָט אַ נעץ פון זינד.

ערגעץ הינטער רויטע שטאָרן,
אין אַ טרער פון פּייפּיאַל,
הוידן זיך פאַרלאָקטע פאָרן
ווי פיש אין וואַזעס פון קרישטאַל.

און די אויטאָס, וואָס זיך טראָגן
אין איר כישופדיק געפלעכט, —
קענען נישט די טעג דעריאָגן,
די אַנטרינענדיקע נעכט.

ה

ס'טרעפט, אַז אויפֿן זעקסטן גאָרן,
וווּ די קאַץ צוגאַסט קומט בלויז,
חלומען די לאָקאַטאָרן
פֿון לוטעסיעס צאַרטן שויס.

ווען אין מאָלערס היכל שטיל איז,
אין פֿענצטער־ראַם דער טאָג גייט־אויס,
מיט צעלאָזטע לאָקן לילית
פֿונעם שפּיגל טויכט אַרויס.

ס'שפּרייט די פֿליגלען אויס די געטין
איבער באַרג און טייַך און בוים,
און פֿאַרוויגט אירע אַסקעטן
אין איר קיניגרייַך פֿון טרוים.

גרייט פֿון רויזן אַ געלעגער
פֿאַרן זינגער פֿון זיין פּיין,
און זויגט־אָן דאָס ליפּ פֿון נעגער
מיטן טוי פֿון מערבֿ־שייַן.

לאָקט מיט גנאָד די לאָקאַטאָרן,
באַהעפֿט זיי מיט איר זילבער־הויט,
ביזקל אויפֿן זעקסטן גאָרן
אין פֿענצטער דער באַגין ווערט רויט.

ו

אויבן, אויפן זעקסטן גאָרן
יעדע שטיבל איז אַ טעמפל.
איינער פון די לאָקאַטאָרן
טרינקט די ביבל ביי אַ לעמפל.

דער בלאָנדהאָריקער לאָקאַטער
צייכנט מיט אַ שטראַל פון קרייד
פון די שוועלבעלעך דעם פלאַטער
אויפן הינטערגרונט פון צייט.

אויך די קרוינען די אַקאַציעס
מאָלט ער אויס אין סקווער אויף גרין,
ווייל די אומעטיקע קאַץ איז
אַנטרונען פלוצעם פון קאַמין.

ס׳צויבערט-אויס פון נאַכט אַ ווינטל
אַ בלויען שלאָס פון פאָרצעליי,
ווו אַ דאַמע מיט אַ הינטל
קניט צום גאָט פון מאָלעריי.

און אין פענצטער האָט דער מאָלער
די לבנה איינגערעמט —
זינגען איר זיין טרויער זאָל ער,
דער דריטער שכן, אינדערפרעמד.

ז

דער נעגער שפּילט אין אַ קאַפּעליע
און קראַליקעס ער כאָוועט צאַרט,
לערנט אויך די עוואַנגעליע
דעם שוואַרצן קאָטער פון מאָנמאַרט.

ציטערט אויפן דיל אַ קראָליק,
אַ פויגל קלאָגט אין שכנס שטייג,
וואָס פאַרשניטן האָט עמלק
פון זיין מאַנדלבוים דעם צווייג.

און פון מאַנדלבוים די טיילן
מיט פאַריתומטקייט פאַרשאָלטן,
מיטן שכנס צער זיך טיילן,
זיי, די קראָליקלעך, נאָר וואָלטן.

און די וועלט געלאָזט אַליין אים,
פאַרנאַרט אונטער אַ פרעמדן דאַך.
עס פאַרשטייען נישט די שכנים
פון זיין טרויער־ליד די שפּראַך.

ווייל די וועלט פון דריטן שכן
פאַר זיין טרויער איז צו קליין,
זיינע פליגל איינגעבראָכן —
אין אירע קאַלטע ווענט פון שטיין.

ח

קלאַגט דער קוואַרטיראַנט דער דריטער,
האָרכט דער מאָלער ביים מאָלבערט
און פון ליכט פון זיין פּאַליטער —
גייט די זון אויף אויף דער ערד.

שטוינט דער נעגער, מורמלט עפּעס
צו די אָרעמע פיר ווענט,
און דער ווינט פון טאַטנס סטעפּעס
אָטעמט פון זיין אינסטרומענט.

רוישט מיט ים און גאָלדן זעמדער,
ווו דער הימל אייביק בלויט —
קילט זיין וווּנדיק האַרץ דער פרעמדער
אין שאָטן פון אַ ברודערס הויט.

שאַלט דער נעגער אין וואָלטאָרן
און די שיין פון זיינע ציין,
שטראַלט אויף דר'ערד פון זעקסטן גאָרן,
אַז די זון זאָל נישט פאַרגיין.

ביז פון מאָלערס אַקוואַרעלן
מיט אַ כישופדיקן ווייער,
שלייכט די נאַכט דורך אַלע שוועלן
איינגעהילט אין בלויען שלייער.

סוזאַן

א

אויף פּלאַץ דע באַסטיל, אין אַ בלויען טראַקטיר,
דער ווינט טוט אַ סטרון פון דער סען אַ באַריר.
און ס׳פּלאַטערט פון מערב אַ גילדענע שוואַן —
סוזאַן.

אין זילבערנער שיין פון לבנה׳ס פּראָפיל
זי דרייט זיך אַ וואַלס אויפן מירמלנעם דיל,
פאַרנויגט זיך צום וואַנדערער, דעם אָרעמאַן,
סוזאַן.

עס גליט אויף איר פליגל אַ פּורפּורנע רויז,
דעם גר, וואָס זיין וויג און דעם דאַך פון זיין הויז
פאַרברענט האָט אַ שד אין ציגאַר פון האַוואַן,
סוזאַן.

אַ שטויב וואָלט ער זיין אונטער אשמדאים טראָט,
פון קאַלכאַויוון האָט אים אַ מלאך פון גאָט
פאַרטראָגן אין מדבר, גענערט אים מיט מן,
סוזאַן.

ער וויקלט דעם קלומעק פון אַקסל פונאַנדער,
וו ס׳ליגן פאַרקנוילט זיינע יאָרן פון וואַנדער,
געוועבט מיטן דערנערנעם טראַקט פון זיין שפּאַן,
סוזאַן.

ב

ס׳כישופט די רויז און דעם וואַנדערערס שטעקן
נעמט זיך מיט זיידענע קנאָספּן באַדעקן,
און רוישט-אויף ביים וואַסער — אַ יונגער קאַשטאַן,
סוזאַן.

ס׳בליצט-אויף פון זיין רוקזאַק אַ פּאַספּאַרנער בלייער,
מאָלט-אויס אין מערב פון גיהנום דעם פייער,
דאָרט כליפּענען ביינער, פאַרלענדט פון טיראַן,
סוזאַן.

ס׳קול פון זיין ברודער און תפילה פון שוועסטער
רינט פון די כלים פון אבלם אָרקעסטער,
הילכט אויף דער הויט זייערס — דעם באַראַבאַן,
סוזאַן.

ס׳דרימלט אין טאָרבע אַ ניגון פון האָרן,
וואָס וועט דעם פאַרוואָלקנטן הימל אויסקלאָרן
פאַר די בעלי-חיים פאַרשניטן פון לאַן,
סוזאַן.

מיט כוואַליקן זמר פון ביינענער פלייט
ער וועקט זיינע ברידער פון ערדענער קייט,
און ס׳טראָגט זיי אויף פליגלען פון טרוים אין טומאַן,
סוזאַן.

ג

עם לעשט־אוים די נאַכט דעם געריויש פון ביסטראַ,
אין אבלם געזויין, וועלכער האָט נישט קיין דנאָ.
טויכט יעדן חצות אויף די גילדענע שוואַן,
סוזאַן.

זי טוט איבער אים מיט די פליגל אַ פאָך,
און ס׳בלויט־אויף דער שבת אינמיטן דער וואָך.
אַ היים פאַר זיין בלאָנדזשענדן גייסט איז פאַראַן,
סוזאַן.

אין אַן אָראַנזשעווען גאָרטן פאַרוואַנדלען
דעם עולה־רגלניקס שטעקן פון וואַנדלען,
שוועבט איבער וויספּעס מיט איר קאַראַוואַן,
סוזאַן.

זי טראָגט צו די אבות דעם היימלאָזן דור,
און ס׳ברויזט אין זיין ליימענעם לאָגל פון וואָר,
די טרייסטפולע טרער זיינע — דער אָקעאַן,
סוזאַן.

ס׳טרער פון זיין פאָלק אינעם לאָגל נעמט זידן:
— אָ, ברענג פאַרן אייביקן וואַנדערער פרידן —
זינגען דיר שוואַלבן פון זיין פאָרטעפּיאַן,
סוזאַן.

זיבן טויבן

א

זיבן טויבן זיצן אויבן
אויף אַ בוים ביי גאָר־דע־ל׳עסט.
זיבן טויבן קערנער קלויבן
פֿאַר די עופּהלעך אין נעסט.

און דאָס קלויסטערל אַנטקעגן,
אינעם זילבער־גרויען ראָק,
שיצט אין פֿאַלע זיי פֿון רעגן
און שפּילט־אויף פֿאַר זיי דעם טאָג.

ס׳ציילט דער קלויסטער אויפֿן אויער
יעדע טויב אוים — מיט אַ קלאַנג
און צעעפֿנט ברייט דעם טויער
פֿאַרן גאָלדן זונפֿאַרגאַנג.

צימבלט אויפֿן האַרף נאָקטיורן
און דער שפּיץ פֿון זיין קאַשקעט
מאָלט אין מערב די קאָנטורן
פֿון לבנה׳ס סילועט.

יעדן שטערן אויפֿן הימל —
ער צינדט־אָן מיט גאָלדן טאָן,
וויגט די טויבן איין אין דרימל,
בעת די נאַכט פֿון וואַלד קומט־אָן.

ב

דעם באַשייד פון נאַכטס מדינה —
דער קלויסטער אין זיין האַרף באַהאַלט,
נאָר פון דנאָ פון זיין נגינה —
טויכט אַן איינזאַמע געשטאַלט.

ער פאַרוויגט דעם קאָפּ פון גייער
אויף זיין ביינערדיקער קני,
ביז די טויבן אויף די אייער —
זיצן־אוים דעם אינדערפרי.

זיבן טויבן זיצן אויבן
אויפן בוים ביי גאַר־דע־ל׳עסט,
זיבן טויבן קערנער קלויבן
פאַר די עופהלעך אין נעסט.

איין טויב נאָר, אַ באַחנטע,
וואָס הינקט אונטער אויף אַ פוס,
האָט געבראַכט מיר, אַ פאַרוויינטע,
פון מיין ברודער אַ גערוס.

אַ גאָלדן לאָק פון זיין טשופּרינע,
וואָס ער שיקט מיר אַ געשאַנק,
אויף צוויי דעמבנבלעטער גרינע —
אין איר שנאָבל ציטערט באַנג.

ג

— ווער עס לאָזט אַליין אַ טויטן,
טראָגט די שטראָף פון נע־ונד, —
איז מיט אַ מערב־שטראַל אַ רויטן
געחתמעט אויף דער ערשטער בלאַט.

— נישט דער טויט איז דאָס, ווי כ׳מאָל עס,
נאָר די אומענדלעכע לענג
פון מיין וועג צו די מזלות,
ברודער איינציקער, געדענק.

כ׳האָב געהערט דורך זיפץ פון יאָרן
פון מיין הוידנדיקער וויג,
אַז ביים אָפּגרונט פון מיין ארון —
זיין וועט זי אַמאָל די בריק.

און אין רויש פון דער טאָפּאָליע
געהאָרכט, אַז פון געבורט דער לוין
ווערט געחתמעט דורך דער דאַליע
מיטן בלוט פון דערנער־קרוין.

נאָר אין בליץ פון מערדערס מעסער, —
דערזען איבער מיין קאָפּ דעם שטורעם,
די זינד, וואָס פון זיין שטראָף איז גרעסער —
כ׳האָב געמאָסטן מיט יסורים.

ד

ס'טוט די טויב דאָס בלאַט אומקערן,
און פאַר מיר זיך אַ פאַרנויג,
און מיין ברודערס בלוטיק שטערן —
כ'האָב דערזען ביי איר אין אויג.

— ביסט דעם תהום פון טרער אַריבער,
מיך דריקט אויפן האַרץ אַ שטיין,
כ'ליג אַ הוילער און איך פיבער
אויפן דנאָ פון דיין געוויין.

ס'האָט פאַרטראָגן דיך דער מבול
מיילנווייט, אויף פרעמדער ערד,
זיי די שיין פון טאָג מקבל
ווי מיין האַרץ — דעם שטאָך פון שווערד.

די ערד האָט אָנגעטאָן מיר קייטן
לאַנגע און פיר אייל די גרעב,
געפינסטו נאָר אַ פריינט אַ צווייטן,
זיי וויסן, ברודער, אַז איך לעב.

כ'לעב אין דער, וואָס מיט איר שמייכל
לעשט פון טויט אוים דאָס געמעל,
אין די רוימען פון איר היכל
הילכט מיין ווידערקול — איר טרעל.

ה

זיבן טויבן זיצן אויבן
אויפֿן בוים ביי גאָר־דע־ל׳עסט.
זיבן טויבן קערנער קלויבן
פֿאַר די עופּהלעך אויף קעסט.

איין טויב נאָר, אַ באַחנטע,
וואָס הינקט־אונטער אויף אַ פֿוס,
האָט געבראַכט מיר, אַ פֿאַרוויינטע,
פֿון מיין ברודער דעם גערוס.

פֿונעם דעמב ביי זיין צוקאָפּנס,
נעבן ביינענעם שאָסיי,
ציטערן אין רעגן־טראָפּנס,
אויף איר פֿליגל — בלעטער צוויי:

— ס׳רוישן־אויף פֿונסניי די גראָזן
פֿון דיין ברודערס טרערן־סליאַד, —
איז מיט אַ מזרח־שטראַל אַ ראָזן
געחתמעט אויף דער צווייטער בלאַט.

— כ׳האָב דיין אָפּשיידס־זינד פֿאַרגעבן
דורכן זונאויפֿגאַנג פֿון גנאָד,
וואָס טראָגט אין זיין געבורט מיין לעבן,
צו אַנטפּלעקן דיר דעם סוד.

ו

ברודער, ווייס, אויף מיינע לענדן
די אייביקייט איך טראָג אומזיסט,
פאַר דיין אויג זאָל אייביק בלענדן
די שווערד, וואָס האָט דיין שטאָם פאַרוויסט.

אויף דער וועלט קיין אָפן אויער
פאַר דיין בראָך איז נישט פאַראַן,
זאָל דער זכר פון מיין דויער —
זיין די ערד אונטער דיין שפּאַן.

זיי ווייסן, נאָר פאַרדיינעטוועגן
אין פרילינג זיך פאַרשטעלט איך האָב,
אין דעמב, וואָס שיצט דיך פונעם רעגן,
אין באַנק, ווו דו לענסט־אָן דיין קאָפּ.

אין שטערן אויפן הימלם סטעליע,
אין שליאַך צו דיין פאַרלאָזטער היים,
אין באַס, וואָס יאָמערט אין קאַפּעליע
און אין אַ בערגל רויטן ליים.

נאָר די ליימיק ערד דעם וואָרעמס
מיטן זיפּץ פון טראָט פאַרגיב,
ווייל עס שלאָפט אין אירע אָרעמס —
דער איינציקער, וואָס האָט דיך ליב.

לידער פון דער סען

א

— סילוועפּלעי, דע ווען רוזש —
ווינקט אַ האָר דעם גאַרסאָן,
און אַ מיידלשער קוש
הויכט אין קאַפּע דיפּאָן.

אויף זיין אָרעם פאַרגייט
איר אַלבאַסטער דעקאָלט,
דורך ברעזענטענער קלייד
איר האַרץ קלינגט ווי גאָלד.

אין די אָוונטן פריע
זי צינדט־אָן ביי איר יונג
די וויניקע שקיעה
אין זיין אויג מיט איר צונג.

באַפליגלט פון פיערן
די פרוי אין בערעט
צינדט־אָן אויך די שטערן
מיט איר סיגאַרעט.

מאָנאַ־ליזאַ דערוואַכט —
פון איר שטיינערנער ראַם,
עס טויכט־אויף די נאַכט
איבער דעם נאָטרדאַם.

ב

אַן אַ היים, אַן אַ לאַנד,
אין טראַקטירן פון רויך,
מיט אַ שטעקן אין האַנט
קומט אַ וואַנדערער אויך.

פאַרשלאָסן זיין ליפּ איז,
אין סוד פון זיין בליק
פאַרוויגן צוויי ליפּעס
זיין פאָלק אויף אַ שטריק.

די קוואַלן פון שלאַכט
אין זיין כוס ברויזן פול,
און די אייביקע נאַכט
פון זיין היים איז דער גבול.

זיין ליד וועט זי הערן
אין רויש פון ווילינע
און איבער זיין שטערן
דער הימל רייסט קריעה.

די ערד נאָר באַהאַלט
אין אַלע פיר עקן,
דעם אויסגעהאַקטן וואַלד, —
וואָס קרעכצט אין זיין שטעקן.

ג

אַ פֿויגל אַ מידער
זיין נעסט האָט פֿאַרלאָזן,
געלאָזט זיינע ברידער
אין פֿליין אונטער גראָזן.

די זילבערנע קוואַלן,
די לאָנקעס און סעדער,
וואָס ער האָט מיט שטראַלן
געצייכנט פֿון פֿעדער.

די טייכן פֿון חיות,
די הינגלען פֿון זשוויר,
וואָס ער האָט מיט שקיעות
געמאָלט אויף פּאַפּיר.

די ליטווישע טראַקטן
און פֿעלדער מיט זאַנגען
זיך וויגן אין טאַקטן
פֿון פֿויגלס געזאַנגען.

נאָר ס'ליד, וואָס ער שפּינט
מיט די שליאַכן פֿון וואַנדלען,
וועט דעם זינגער אין ווינט
אין אַ בעטלער פֿאַרוואַנדלען.

ד

איבער טייכן פון פרת,
פויגל איינזאַמער, הויך!
נאָר נישט נידער צום שלאָס
פון דער מערב־זון אויך.

עס לויערט אַ נשר
אויף באַרג פון איר ברוסט,
און ס׳פינקלט איר כתר
אין ים פון איר לוסט.

און ראָבן פאַרצוקן
די אָרעמע שוואַלב,
וואָס טוט זיך נישט בוקן
פאַר איר גאָלדענער קאַלב.

צו דעם שטערנסאָד שטראַל,
גרויער אבל, און גלויב
אין דיין ליד, און נישט פאַל
פאַר דער זונה אין שטויב.

אין בליץ פון איר טורעם
דיינע פליגל צעברעך,
די ברידערס יסורים
מיט זינד נישט פאַרשוועך!

ה

ווער ס'מעסט די מעת-לעתן
מיט ווענוסעס אָרעם,
אין שוים פון לוטעסיען —
דער חלום ווערט וואָר אים.

דורך פעלדער, וואָס גרינען,
פילט די ערד, ווו ער טרעט,
אין רויך פון באַגינען,
דעם חורבן פון שטעט.

ווער ס'פאַרמאָגט נישט קיין פרוי,
נידערט שטום צו דער סען,
זיין קאָפּ, וואָס ווערט גרוי,
אין איר טרער וויל ער זען.

ווער ס'פאַרמאָגט נישט קיין דאַך,
רוישט זי אום מיט אַ וועל
פון זיין עצבות די שפּראַך
דעם בולוואַר סען-מישעל.

פאַר די וואַגאַבונדן
אַ מוטער זי איז,
און לעשט-אויס די ווונדן
פון וואַנדערערס פיס.

ו

ווער עס בלאָנקט אינדערפרעמד
ווי אַ הונט אָן אַ צוויג,
וואַשט די סען אים אַ העמד
אינעם ליכט פון איר אויג.

טויכט־אויף פון די בר̄עגעס
אויף גאָלדענע שטיגן
און מורמלט עלעגיעס
דעם גאַסט דעם נישטהיגן.

זי פליסטערט דורך תפילות
אַ סוד אים אין אויער,
ס׳באַלויכטן צוויי ליליעס
איר בלוזע דער בלויער:

— דיין געבעט כ׳האָב דערהערט —
זיפצעט זי אויף אַ פלייט —
אונטער ריגלען מיט ערד,
וואָס אונדז האָבן צעשיידט.

אין איר תהום די געשטאַלט
ווי די זון איז פאַרגאַנגען —
און כורעים ער פאַלט
אירע אַפּלען דערלאַנגען.

ז

ווער ס׳מעסט די מעת־לעתן
מיט אייביקייטס אָרעם,
אין שוים פון לוטעסיען —
דער חלום ווערט וואָר אים.

די ווענט פון זיין חדר
פאַרשטיינערטע האָרכן
פון כוואַליקע קליידער
דאָס זיידענע שאָרכן.

דאָס פנים פאַרשטעלט
מיט אַ טיול זיין באַשערטע,
און די דעמערונג קוועלט
פון איר אויג דאָס פאַרטערטע.

דורך אָפּגרונט פון שפּיגל
אין חלל זי שטאַרט,
פאַרהילט מיט איר פליגל
דאָס האַרץ פון מאָנמאַרט.

די סאַפּירענע בראָש
אויף איר ברוסט קרעכצעט שווער,
און די ווייען פון חצות
שלאָגט־אוים דער סאַקרע־קער.

ח

דער הייליקער פּאַסטער
דאָס פּאָר וויל פאַרוויגן,
אויף גלאָקן פאַרפּאַסט ער
אַ חתונה־ניגון.

זייער מאָלצייט־באַגעט
בענטשט עם דער סאַקרע־קער,
און צעשפּרייט מיט געבעט
די פיר איילן פון גר.

דעם פּאָר אַ מתנה
פון דאַך טראָגט אַ קאַץ,
לוטעסיעם לבנה —
די גאָלדענע טאַץ.

די נאַכט אין אבלות,
געקרוינט פון באָדלערן,
וועבט־אויס אינעם תכלת
זיין תפילה פון שטערן.

זי נידערט פון רוימען
און שימערט מיט שטראַלן,
אין טאַץ נעמען שוימען
מיט וויין צוויי באָקאַלן.

ט

דער מאָרגן נעמט העלן.
פון סען׳ס בלויע טריט
עס רוישן די וועלן
אין וואַנדערערס ליד.

דורך געסלעך מאָנמאַרטער
ביז דעם סען־מישעל
איר פינגער דער צאַרטער
פליסט אויף וויאָלאָנטשעל.

ער זויגט מיט די ליפּן
דעם כּוס פון זיין ליבער,
פון דנאָ הויבט־אָן כליפּען
זיין אָרעמער ציבור.

וואָס וואַנדערט פון רייסן
ביז דעם פּער־לאַשעז,
און דאַנטע אין ווייסן
באַהויכט אים מיט בעז.

זיין קאָפּ גרויט אין בעכער
פון סען, וואָס צערינט,
און איבער די דעכער
זינגט קדיש דער ווינט.

י

ווער ס'מעסט די מעת־לעתן
מיט שפיל פון קלעזמאָרים,
אין שוים פון לוטעסיען —
דער חלום ווערט וואָר אים.

אויף איר האַנט, וואָס איז וויים,
דרימלען טייבעלעך צוויי,
זייער הימלשער קרייז
טוט דעם וואַנדערער ווײ.

ביי דער מוטער פון איי
גייט די זון אויף פון קלעם
איבער שאַנז־עליזיי,
נאָר זי ווייסט נישט פון דעם.

און איר אָדלער, וואָס הויכט
צו דעם שער־עטואַל,
האָט מיט פערל באַהויכט
די נאַכט אויף פיגאַל.

נאָר די סען, וואָס איז אויף,
אויף איר האַרף טוט אַ שפּיל,
און פון ליד אירם בלויט־אויף
דער באָגין אויף באַסטיל.

יא

די גלאָקן צעקלינגען
די טעג פון מאַדלען.
די נאַכט טוט־אָן רינגען
פון גינגאָלד דער סען.

זי האָט עס געשליפן
פאַר דער יפת־תואר,
וואָס מעסט־אוים די טיפן
פון וואַנדערערס טרויער.

די טייבעלעך ברומען
ביים פאַסטער אין פאָלע,
פון אבל דעם שטומען
ער קלינגט־אוים די דאָליע.

ס׳קלינגט דער סאַקרע־קער
פונעם גר, וועלכער קניט
פאַרן שפיגל — איר טרער, —
וואָס פלייצט פון זיין סופיט.

די קאַץ נאָר זיך טוליעט
צום וואַנדערערס שוים,
אויף טאַץ אירס זי הוליעט:
— די מעשה איז אוים.

אינהאַלט

זייט

תקדמה 7
אין געוועב פון בלויע שנייען 11

די טויערן פון מיין געמיט

די טויערן פון מיין געמיט 15
מיין ברודער איז דער ווילנער שליאַך . . . 18
מאַמע און זון 19
ליד וועגן אַ פּאָסטעכל 20
דאָס ווייסע ציגעלע און דער מאַנדלבוים . . 21
פּאָסטנע ליטע 22
האַרבסט 24
אויפן גאַסטינעץ 25
געזאַנג פון בעל־עגלה און זיין ווייסן פערד . . 27
דער פּאַסטעך מיקיטע און זיין פייפל . . . 31
חברטע אַלכע 33
עקיבה־איצעס טאָכטער און די פויגלען . . 37

דער שליאַך דערציילט אַ מעשה

דעם שליאַכס ווייבער 45
וויאָ, וויאָ, פערדעלעך!... 48
דער אַלטער ווינט און דער יונגער ווינט . . 54
דער שליאַך דערציילט אַ מעשה 65

אַ שפּראַץ אויף טאָג

ניגע 73
ווען איך וועל אין שוואַרצן פאַרקלוידט . . 74
אַ שפּראַץ אויף טאָג 75

זייט

דער יונגער גאָט 78
שמואל ראָסין 80
מיין דאָקטאָר אין ווייסן כאַלאַט . . . 81
קאַזאַכסטאַן 84
באַלאַדע פון אייביקן וואַנדערער . . . 86
דער מוטער רחלס קרוין 91
יונגע קלעזמאָרים 92
פורפורנע טויערן 95

שטיי־אויף פון דרימל, שוועסטער ליבע...

אַ תפילה 99
אינדערפרעמד 102
אין רייסן, אין אַ כוטערל אַ ווייסן . . . 106
אויף פאַנאַר צוויי קליאָנען בליען . . . 113
שטיי־אויף פון דרימל, שוועסטער ליבע... . . 119
ווידוי־ליד 126

ערדישע שיין

אַ חתונה 131
צווישן קליאַזמע און סטראַיטעל . . 134
איינציקע 137
איך בענטש דיר אויף מיין פּויפיאַל . . . 139
דאָס מיידל פון מיינע חלומות . . . 140
האַרבסט־נאָקטיורן 142
מיין שטערן וועסטו גישט דערגרייכן . . . 148
דריי מתנות 149
דער פויגל וואָס זינגט אויף מיין דאַך . . . 153

ערגעץ אויף אַ זעקסטן גאָרן

כ'האָב היינט אָנגעטאָן דיין ווייסן סוועטער . . 157
ערגעץ אויף אַ זעקסטן גאָרן 159
סוזאַן 167
זיבן טויבן 170
לידער פון דער סען 176

פון דעם זעלביקן מחבר :

„אַ בלעטל אין ווינט“

אַרויסגעגעבן דורך יונג־ווילנע, 1935

„צוויי בעריאָזעס ביים טראַקט“

אַרויסגעגעבן דורכן יידישן ליטעראַטן־פאַריין
און פען־קלוב, ווילנע, 1939